STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10280

IN MAYN GEFALNKAYT

M. M. Shaffir

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ.-מ. שאַפּיר

אין מײַן געפּאַלנקייט

מאָנטרעאַל, 1975

M. M. SHAFFIR

IN MEIN GEFALNKAIT

(In My Distress)

POEMS

אַ דאַנק

דעם ה׳ **שמשון דונסקי**, וואָס ער האָט געליִיענט די קאָרעקטורן
און דעם ה׳ **לוי מיהלשטאָק**, פֿאַר דער צייכענונג אויפֿן טעוועלע

פֿונעם אייגענעם מחבר:

אַ סטעזשקע (לידער), מאָנטרעאַל, 1940
איך קום אַהיים (לידער), מאָנטרעאַל, 1963
אויף מײַן פֿידעלע ליד (לידער), מאָנטרעאַל, 1966
דערן שטערן־וואָגן (לידער), מאָנטרעאַל, 1968
אַ רגע דאַכטעניש (לידער), מאָנטרעאַל, 1969
בורא מיני חלומות (לידער), מאָנטרעאַל, 1971
מיט דער לידער־טאָרבע (לידער), מאָנטרעאַל, 1973

Printed in U.S.A. by
SHULSINGER BROS. INC.
21 East 4th Street, New York, N. Y. 10003
253

עטלעכענע ווערטער

גאָט, באַשעפער מיינער,
נעם מיר פון דער צונג אַראָפּ די שטומע פּיינען.
גיב מיר עטלעכענע ווערטער גוטע —
כאָטשבע נאָך אויף עטלעכע מינוטן.

טו מיר אָן די קרוין פון שטילקייט פרומער —
זי זאָל פּאַסן צו מיין אומעט —
אַז איך זאָל מיך ווייטער קענען שאַרן פאַזע הייזער,
ווי ביז איצטער, און זיך נישט באַדאַרפן ווייזן.

דאָס געשריי, וואָס האָט אין מיר געשריגן,
האָט מען נישט געהערט, ווייל כ׳האָב געשוויגן,
און איך בין געגאַנגען גלייך און קרום, ווי איטלעך איינער —
אַז מע זאָל אויף מיר נישט צילעווען קיין שטיינער.

כ׳האָב צו מאָל געשריגן, ביז צו ווילדע טרערן —
כ׳זאָל מיין אייגן שטיל געוויין נישט הערן;
און כ׳האָב די פאַרשעמטקייט אומגעטראָגן
מיט פאַרקלעמטע ליפּן — איך זאָל גאָרנישט זאָגן.

פּאַלט אַ מאָל אַ וואָרט אין מיר, אַ קלאַנג אַ ליאַדע —
ווייס איך: ס׳איז פון דיר אַוודאי.
רינגעלן ליכטיקלעכע הייבן אין מיר אָן זיך שפּרייטן,
און איך שעפּטשע אין מיין אומעט: כ׳בין אַן אַנגעברייטער.

ווי׳ן אַ טייך פאַרנאַכט-צייט,
ווען סע לאָזט אין אים אַ טרער אַ ווערבע, אַ פאַרטראַכטע,
שפּרייט אין מיר די ליכטיקלעכע דיינע רינגען —
זאָלן זיי מיין אויסגעמפילט ליד פאַרשלינגען.

פֿייגעלעך און שטערן

עס האָט מיר אָפּגעגליקט

עס האָט מיר אָפּגעגליקט —
די נאַכט איז אויסגעשטערנט —
איך זע דעם טאַטנס כתבֿ: ער ציליעט פּערל...

איך זע דאָך אַ מיראַזש —
און כ׳דאַרף נישט קיין האַשישן,
אַן אײַנגערעדטע גרענעץ צו פֿאַרווישן.

ס׳געוועגדט זיך וואָס מע זוכט —
כ׳האָב אין דער מעטראָפּאָליע
געפֿונען שטיקלעך דימענט, אין מײַן דאָליע.

אָט מירמלט זיך אַ שטיין — — — —
אין קוימען ווײַנט אַ קאַניע — — — —
ווי זאָל עס מיך ביז שיכּרות נישט פֿאַרמאַניען?

און ווער איז צו מיר גלײַך?
מײַן בליק קען אַלץ באַרירן,
און אָפּן אין מײַן חלום־לאַנד פֿאַרפֿירן.

איך פֿאַנג נישט מיט קיין שווערד,
און די, וואָס כ׳נעם געפֿאַנגען —
בײַ מיר ערשט עפֿענען זיך זיי פֿאַרלאַנגען.

אַנטרינען וויל מען נישט.
איך גיב אַזעלכע רעכטן —
דער גרעסטער גיבור קען זיי נישט דערפֿעכטן.

אַ לאַנגע באַלאַדע וועגן איינעם מיט פֿייגעלעך

אַ מאָל האָט אַ מענטש געוווינט אין אַ כּרך
אַ דרײַ פֿיר צענדליק יאָרן;
אויף זומער, געווען בײַ אים אײַנגעפֿירט,
אין דאָרף אַרויסצופֿאָרן —

דעם אייביקן גערעש־געבראַזג
פֿונעם קאָפּ זיך אַרויסצושלאָגן —
און מיטצונעמען, מ'איז פֿאָרט דאָך אַ מענטש,
אויך נאָך אַ פּאָר קליינע השגות.

אין גאַנצן אַקעגן אַ פּופּציק מײַל
פֿון דער שטאָט מיט איר האַרמידער;
אַהין, האָט ער זיך אײַנגערעדט,
קומען קריק זײַנע פֿייגל, די לידער.

וואָס הייסט: זיי קומען קריק אַהין —
געווען אין מרחקים ווײַטע?
אי יאָ געווען, אי נישט געווען —
אַבי זיי קומען בײַ צײַטנס.

(די פֿייגעלעך, מיינט איר, זעצט ער אויף?
אַ נעכטיקער טאָג! זיי קומען
פֿון ערגעץ, פֿון אַ ווײַטעניש,
ווו זײַנע ליפּעס זשומען...

די ליפּעס פֿאַרמאָגן צוויגן ווי הענט,
און די וואָר און דער חלום, די דאַכטונג —
זיי נעמען זיך ביידע הייס אַרום,
אַז דאָס האַרץ וויל אַזש אויסגיין פֿון שמאַכטן.

די פֿייגעלעך האָט ער מסתמא געבראַכט,
מיט יאָרן צוריק, פֿון דאָרטן.
געמיינט, אַז ר׳האָט זיי איבערגעלאָזט
בײַם היימישן ווײַטן באָרטן.

מוז זײַן, אַז אַ מענטש ווייסט קיין מאָל נישט
וואָס ער האָט בײַ זיך אין קאַבינע.
און דאָס, וואָס ער מיינט, אַז ס׳אַ קליינינקייט —
קען ווערן אַן אבֿן־פּינה.

אַן אבֿן־פּינה, אַ פֿידימענט
פֿון אַ בנין שטאָל מיט אײַזן ?
גאָר ניין, ס׳איז געוויינטלעך אַזאַ געבײַ,
וואָס ר׳איז דאָ, נאָר מע קען אים נישט ווײַזן...)

**
*

אַ וואָזשנע זאַך דאָרט — פֿייגעלעך !
נישטאָ שוין פֿון וואָס צו שרײַבן ?
די ווענט פֿאַלן אײַן איבער אונדזערע קעפּ —
ט׳פֿונעם ליד קיין זכר נישט בלײַבן.

ט׳נישט בלײַבן קיין זכר פֿון מײַן ליד —
איז אַוודאי אַ ווייטיק אין האַרצן :
די פֿייגעלעך בעטן זיך : „כאָטשבע דערצייל,
ווי לאַנג שוין מיר טערפּען און וואַרטן.

דערציייל ווי מיר קומען ווינטער אָפּ,
און דו טרייבסט אונדז מיט ד'ערגסטע קללות —
אַ חידוש, וואָס ס'הערט זיך אין אונדזער געזאַנג
אַזוי פּיל געזיפּץ און יללה?"

***

זיי קלאַפּן ווינטער אין שויב ביי מיר,
איך זאָל זיי פון שלעכטס פאַרהיטן.
— נישט דאָ, מיינע טייערע, כ'האָב נישט קיין קאָפּ —
נאָר אין דאָרף, אין גרין צעבליטן.

ערשט דאָרט וועט איר זען פאַר זיך די וועלט,
וואָס גאָט האָט אַליין געפורעמט —
און נישט די וואָלקן־קראַצער־שטעט,
די הייננטיקע בבל־טורעמס.

כ'על דאָרטן אייך געבן פּראָסע מיט קעז
אין זילבער־געליישטע שיסלען,
און וואַסער אין אַ דימענטטאָץ,
צו טרינקען און וואַשן די פיסלעך.

און כ'על פאַר אייך שפּרייטן, פייגעלעך,
אַזעלכענע בערג און טאָלן,
וואָס עפּעס אַזוינס און עפּעס אַזאַס
איז זיך גאָרנישט אויסצומאָלן.

די ביימער וואַקסן נישט דאָרט פון דער ערד,
נאָר פון ערגעץ — איך זאָג נישט קיין ליגן,
און וואַרעמע ווינטלעך פאַרוויגן זיי
אין לופטיקע, זוניקע וויגן.

איר׳ט דאַרטן נישט דאַרפֿן זיך שרעקן אַזוי
פֿאַרן מענטש אויף שטאָלצע פֿלאָקנס —
וואָס אָט האָט איינער פֿאַרבײַגעאײַלט
און אונדז אַזוי איבערגעשראָקן.

ער איז נישט געגאַנגען — ווו האָט ער צײַט?
ער יאָגט אויף צוויי גומענע רעדער.
אַ קאַסקע פֿון פּלאַסטיק פֿאַרשלייערט דעם קאָפּ,
און ער טראָגט אַ מונדיר פֿון לעדער.

אונדז איבערגעשראָקן — און גאָרנישט מער?
אַ האַרמאַט וואָלט אַזוי נישט געשאָסן,
און ווו איז דער שטויב מיטן גיהנום־געשטאַנק,
וואָס ער האָט נאָך זיך איבערגעלאָזן?

איך בין אַרײַן אין אַזאַ מין כּעס,
אַז איך וואָלט אים אַזש דערוואָרגן.
אײַ, וואָס וועלן זאָגן די מאַמע, דאָס ווײַב,
דאָס קינד? זאָלן זיי זיך זאָרגן.

וואָס דאַרף איך מיך קווענקלען? איך האָב אים געכאַפּט,
און „געמאַכט די זאַך״ — און באַסטאַ!
איך וועל נישט זוכן קיין תּשובה דערפֿאַר,
און כ׳וועל נישט דאַרפֿן פֿאַסטן.

זיך אומגעקוקט אַהין און אַהער,
צי זעט מיך דאָ נישט קיינער —
ווײַל כ׳האָב געוואָלט אין אַ קופּע זאַמד
באַהאַלטן זײַנע ביינער.

(דערוואַרגן, און פּאַרטיק — אַראָפּ פונעם מאַרק,
נאָר געטראַכט בײַ מיר תּוך־כּדי־דיבור:
מיט וואָס בין איך בעסער? איך גיי און דערוואַרג
אַ מענטש, וואָס שרעקט מיך איבער.

אַ גרויסע חכמה: איך רוף מיך מענטש...
אויך אַן אוראַנגוטאַנג קען וואַרגן.
טאָ וואָס איז דער יתרון פון מיר ביז אים?
דער יתרון איז טאַקע אַ קאַרגער.)

כ׳האָב נאָר אַ רגע אַוועקגעקוקט.
איך קוק צוריק — ער פּליט שוין
דערוואָרגענערהייט אויפן מאַטאַציקלעט —
און די לופט איז פאַראַווירט און גליט נאָך.

אַוועק — איז אַוועק. לאָז ער ברעכן דעם קאָפּ,
אַבי ער איז נישט געוואָרן.
אין צוויי מינוט — ער איז ווידער דאָ!
און נאָך אים — אפשר הונדערט מאָטאָרן.

און אַלע ווי איינער — מע האָט נישט קיין צײַט,
מע יאָגט זיך אויף גומענע רעדער,
און אַלע מיט קאַסקעס איבער די קעפּ,
און אין ברוינע מונדירן פון לעדער.

און אַלע צעלאָזן זיך אין אַ געיעג,
זיך אַליין וויל מען איבעריאָגן;
געבראַזג, טאַראַראַך — אָט עקט זיך די וועלט,
ס׳איז גאָר מיטן מויל נישט צו זאָגן.

האָב איך מיך באַהאַלטן אונטער אַ שטיין,
זיך געמאַכט, אַז איך זע נישט און הער נישט.
פֿון דעמאָלט אָן, אַז איך זע זייער סגאַל,
פֿאַרטשעפּע איך זיי מער נישט.

**
*

אַ גאַנצן ווינטער האַלט איך זיי
אין אַ שטײַג אין בוידעמשטיבל.
די פֿייגעלעך טראַכטן זיך: איידער דעם טויט,
איז הינטער די גראַטעס שוין ליבער.

בפֿרט, אַז ס׳איז דאָך קיין תּפֿיסה נישט,
חלילה, זאָל גאָט באַהיטן!
אַ חודש און נאָך אַ חודש, צי צוויי —
און הײַדאַ, אין דאָרף, אין צעבליטן!

אין בוידעמשטיבל טשירקעט און קוועלט —
איך פֿיל, אַז דעם זינען פֿאַרליר איך.
קיין טאָג און קיין נאַכט — ס׳עט נישט נעמען קיין סוף,
וועט עס מיך ביזן קבֿר דערפֿירן.

די שטײַג איז אָפֿן, די בוידעמשטוב
איז אָנגעפּראָפּט — מע שטיקט זיך.
מע שטייט אויף שטריק, אויף בעטגעוואַנט,
מע רײַסט זיך און מע פֿליקט זיך.

**
*

דערטראָגן די שטײַג ביז אין גרינעם דאָרף,
מיט צעקרימטע ווענטלעך — דראָטן,
און אויפֿגעהויבן די הענט צו גאָט,
וואָס ס׳איז ביז אַהער מיר געראָטן.

איך עפֿן די שטײַג, די טירעלעך:
— „נו, פֿייגעלעך, הוש! זיך צעפֿלאַטערט!"
פֿון אַלע פֿייגעלעך, וואָס אין דער שטײַג,
האָט איינס נאָר געפּישטשעט פֿאַרמאַטערט.

איך טרעסע די שטײַג: „אַרויס! אַרויס!
בשלום אַנגעקומען!"
אין שטײַג — אַ שטיל געפּישטשעניש,
די צינגלעך אָפּגענומען.

די גאַנצע שטײַג מיט פֿייגעלעך,
אַ בראָך צו מיר, איז פֿאַרחלשט.
איך האָב מיך אַזש צעוויינט אויף אַ קול:
אוי־וויי, מײַנע פֿייגעלעך אַלע...

אַ פֿייגעלע זאָגט מיר: „אַלטער נאַר" —
און פּאַטשט מיט די מידע פֿליגל —
און איך בלײַב שטיין מיט אַן אָפֿן מויל,
נאָר די צונג איז מיר פֿאַרריגלט.

ווײַל וואָס מע זאָל זאָגן אַ פֿייגעלע,
וועט עס אויסקומען טאַקע נאַריש,
בפֿרט אַז מע זאָגט עס מיט ריטעם און גראַם —
סע זאָל אויסזען ליטעראַריש.

— „איך קום אַרויס אין דאָרף אַרײַן
צוליב אײַך און צוליב די שטערן...
אוי, ציט אַרויס די נשמה פֿון מיר,
וועט מיר אפֿשר גרינגער ווערן.

איך האָב אײַך געהאָדעוועט ווינטער אין שטײַג,
איך האָב אײַך געהיט פֿון פֿאַרפֿרירן,
און כ׳האָב אײַך געזוויגעט ביז אַהער —
לסוף זענט איר קנאַפּ פֿאַר דער פּגירה".

כ׳האָב אויסגעטרעסעט די גאַנצע שטײַג:
— „כ׳האָב אײַך געענוג געמאַטערט..."
די פֿייגעלעך פֿאַלן קראַנקע אויף דר׳ערד,
מיט אַ שטיל, האַלב טויט געפֿלאַטער.

אַ ווינט האָט גענומען זיך שפּילן מיט זיי,
אַזוי ווי מיט בלעטער אין אָסיען.
און איך בין געשטאַנען גענאַרט און פֿאַרשעמט,
און כ׳האָב מיך מיט טרערן באַגאָסן.

**
*

נאָר ניסים טרעפֿן זיך אַלץ מיט מיר:
ווי ס׳נעמט נאָר דער ווינטער זיך ווײַזן —
אַהאַ! די פֿייגעלעך זענען דאָ,
איך זאָל זיי באַשיצן און שפּײַזן.

איך טרײַב זיי אָפּריער מיט גוטן אַוועק,
איך ליאַרעם, איך מאַך אַ סצענע;
איך סטראַשע: איך וועל זיי ווייס איך וואָס —
זיי זאָלן זיך גיכער פֿאַרנעמען!

נאָר ווער קען דערטראָגן אַ פֿייגעלעס טרער?
מ׳דאַרף האָבן אַ האַרץ פֿון אַ קאָזאַק.
כ׳האָב ווידער געעפֿנט די בוידעמטיר,
די פֿייגל אַרײַנצולאָזן.

אַזוי יאָר־אײַן, אַזוי יאָר־אויס —
כ׳בין גראָ און אַלט געוואָרן.
איך האָדעווע ווינטער פֿייגעלעך —
נאָר זומערצײַט איז אַ צאָרן.

ווי לאַנג וועל איך טרײַבן די פֿייגעלעך,
און זיי — ווי נישט זיי זאָל מען מיינען — ?
איך ווייס נישט טייל מאָל, אָסור מיר,
צי דאַרף איך מיך פֿרייען, צי וויינען.

ווי לאַנג איז דער שיעור צו נאַרן זיך,
צו שעלטן און באַלד זײַן מוחל ?
צו קליינע טײַערע פֿייגעלעך
באַדאַרף מען אײַזערנע כּוחות.

איך זע, פֿונעם שפּיל ווערט אַרויס אַ פֿײַג.
ס׳קומט אויס זיך צו וואַרפֿן אין פֿײַער.
וואָס טו איך אין מײַן גרויסער נויט —
אוי, העלף מיר, מאַמע געטרײַע.

וואָלט כאָטש אַן איינציק פֿייגעלע
געקענט אין די הייכן פֿליִען —
אַז איך זאָל האָבן, ווײ איז מיר,
נאָך וועמען מיך נאָכצוציִען.

די פֿייגעלעך האָבן מיך אָנגעקוקט,
און פֿאַרפֿלויגן הינטערוויִלעכץ.
דאָס ערשטע מאָל אַז איך זע אַזוינס,
נאָר כ׳האָב נישט געפֿרעגט קיין שאלות.

***

ביז איין מאָל — הערט, וואָס מיט אים איז געשען,
וואָס פֿון אים דאָ די גאַנצע צײַט רעדט זיך:
אַ ביסל זאָג איך אײַך איצטער אויס,
און דאָס רעשט וועט איר זען אין די בלעטער.

איך ווייס, מ׳עט נישט גלייבן, נאָר ס׳אַרט מיך נישט —
אַבי איך זאָג דעם אמת:
ער איז איין מאָל זומער אַוועק אין דאָרף,
און פֿאַרגעסן די שטײַג צו נעמען.

אַן אמת, פֿאַרגעסן? סע רעדט זיך אַזוי.
ער האָט זיך געמאַכט תּמעוואַטע.
די פֿייגעלעך האָט ער קיין וואָרט נישט געדאַכט:
אַבי ס׳איז שטיל לעת־עתּה.

ער קומט צוריק אין שטאָט אַרײַן,
אַ טאָג דערנאָך, אויף צו מאָרגנס —
ער גיט אַ קוק: אַ טכויר איז געווען
און די פֿייגעלעך אויסגעוואָרגן.

איז ער אַראָפּ פֿון דער בוידעמשטוב
און האָט אָפּגעכליפּעט ווידוי,
געגומען מיט זיך אַ גראָבן שטריק —
און אַרויף אויפֿן בוידעם ווידער.

ר׳האָט זיך אויפֿגעהאָנגען שאַ און שטיל, —
אַ לעבן אָן פֿייגעלעך טויג נישט.
ס׳איז נישט אַזוי ווי אָן הענט און אָן פֿיס,
נאָר ס׳איז עלעהיי ווי אָן אויגן.

אַ מענטש אָן אויגן איז ערגער ווי טויט —
וואָס טוט ער מיט זײַנע טרערן?
אַ מענטש אָן טרערן, ליבע פֿרײַנד —
שוין בעסער געבוירן נישט ווערן.

די טויטע פֿייגעלעך האָבן געזען
ווי ער הענגט, און גענומען אַזש צאַפּלען. —
האָט ער זיי טראָווועריק אָנגעקוקט
און פֿאַרמאַכט די פֿאַרטראַכטע שוואַרצאַפּלען.

דערנאָך האָט ער געכאַפּט אַ פּען,
אָט דיזע באַלאַדע צו שרײַבן —
כּדי אַז זי זאָל שוואַרץ אויף ווײַס
אויף אימער און עוויג בלײַבן...

אַ פֿלאַטערל

— וואָס ביסטו, פֿלאַטערל, אַזוי שיין?
— כ'האָב ליב בלומען, איך דאַרף נישט מיין.

— וואָס ביסטו אַזוי פֿריילעך, זאָג.
— אַן אייביקייט איז גרויס מײַן טאָג.

— וואָס ביסטו, פֿלאַטערל, אַזוי שטיל?
— מע זאָל ווינציקער וויסן וואָס איך וויל.

— וואָס ביסטו, זאָג, אַזוי טרויעריק?
מיך ציט שוין צו דער וויג צוריק...

וואָס מע גאַרט דערנאָך

אַז אַלץ האָט פֿליגל און פֿליט אַוועק —
מוז ערגעץ דאָך זײַן אַ געגאַרטער ברעג;
ווײַל אַנדערש וואָלט אַלץ נישט אַהין פֿאַרפֿלויגן,
און מיך דאָ געלאָזט מיט פֿאַרבענקטע אויגן.

פֿאַרבענקטע אויגן, אַ שווער געמיט —
צו יענעם ברעג ציט מיך, און אויך מײַן ליד;
און דאָס וואָס איך ווייס נישט ווי עס צו זאָגן,
איז גוט צו וועלן און גוט צו פֿאַרמאָגן.

פֿאַרמאָגן פֿאַרמאָגט מען נישט דאָס וואָס מע האָט,
נאָר דאָס וואָס סע צאַפּלט און פֿליט אָט, אָט.
ווײַל אַלץ וואָס איז שיין און איז גוט, האָט פֿליגל,
מע פֿליט דערמיט פֿון סאַמע וויגל.

אין וויגל שוין וועקט זיך אויף דער פֿאַרלאַנג,
וואָס טרײַבט דעם מענטשן שלינג און שלאַנג
נאָך עפּעס וואָס מ׳האָט נישט דערפֿאַר קיין נאָמען —
מע פֿליט דערמיט, און אָן דעם מוז מען לאָמען.

איז פֿלי איך אַזוי שוין אַ לעבן לאַנג
מיט פֿאַרשעמטער בענקשאַפֿט און שטיל געזאַנג —
ביז כ׳על אויפֿהערן בענקען און מער שוין נישט פֿליִען —
קען זײַן, די געגאַרטע רו וועט דאַרט בליִען.

בליִען בליט נישט קיין זאַך, וואָס איז דאָ
און איז איצט, ווי אַ רגע, אַפֿילו אַ שעה.
נאָר דאָס, וואָס מע גאַרט דערנאָך און מע בענקט —
בלויז דאָס האָט אונדז גאָט אויף אייביק געשענקט.

אַ שטײַג מיט פֿייגעלעך

מײַן האַרץ איז אַ שטײַג מיט פֿייגעלעך,
נאָר זיי קענען זיך דאָרט נישט פּאָרן.
איך האָב זיי נאָך קיין מאָל נישט איבערגעציילט,
נאָר זיי קירצן מיר די יאָרן.

אַז איינס צעטרעלערט זיך אַ מאָל,
איז הייבן באַלד אַלע אָן טרעלן,
און פֿייגעלעך פֿון דער גאַנצער וועלט
קומען אָן, אויף מײַן האַרץ זיך צו שטעלן.

אַז אַלע פֿייגעלעך שטעלן זיך אויס
און נעמען מיר ווײַזן די קולות —
איז ווען איך זאָל האָבן אַ מעסער בײַ זיך,
וואָלט איך מיך באַלד געקוילעט.

אַז איינס הייבט אָן צו טרילערן,
איז הייבן באַלד אַלע אָן טרילן.
זיי טרילן מיר אַפֿילו אין שלאָף,
נאָר איך ווייס נישט, וואָס זיי ווילן.

מײַן האַרץ איז אַ שטײַג מיט פֿייגעלעך,
נאָר ווי קען זיי דאָרטן גוט זײַן?
אַפֿילו אַ וואָרעם, מענטשלעך האַרץ
אָן נעסטן — וואָס קען נוצן?

אַזוי סײַ טאָג, אַזוי סײַ נאַכט,
אַזוי דאָס גאַנצע לעבן.
איך ווייס נישט צו וואָס, איך ווייס נישט צו ווען
ס'איז מיר אַזאַ האַרץ געגעבן.

זעגלשיפֿן

זעגלשיפֿן שטילע שווימען אין מײַן נאַכט,
קומען ערגעץ ווײַט פֿון שטילע ווײַטענישן —
ווי אַ ווײַטע האַנט וואָלט זיי אַהער געבראַכט.

אויף די שטילסטע שטילענישן שטילן אײַן,
אויף אַ מאַסטבוים הענגט און וויגט זיך אַ לאַמטערן —
קומט ער מיר צו חלום מיט זײַן שטילער שײַן.

עפֿן איך פֿאַר אים די חלום־טירן ברייט
און איך בייג אַראָפּ דעם קאָפּ דער נאַכט צופֿוסנס;
אויך מײַן בענקעניש אַזוי, פֿאַרשעמטערהייט.

נעמט אונדז אויף אַ זעגלשיף און פֿירט אונדז שטיל,
איבער כוואַליעבערג אַוועק אין די מרחקים,
ווו מײַן בענקעניש קען אָנזען וואָס זי וויל.

אַלץ וואָס איז געווען און איז שוין מער נישטאָ —
זאָגט מײַן האַרץ אין מיר: אַהין, ווו אַלץ באַהאַלט זיך,
ציט די זעגלשיף, אין אַ געבענטשטער שעה...

צון אַ פֿייגעלע

איך זאָג דיר: רוצחים וואַרגן קינדער,
און דווקא נישט אין נעכט, אין בלינדע —
און דו, דו ענטפֿערסט מיר טרי־לי...

דערנאָכדעם קומען זיי זיך גרייסן,
אַז גאָט האָט זיי אַזוי געהייסן —
און דו, דו ענטפֿערסט מיר טרי־לי...

דער גאָט, וואָס צינדט בײַ נאַכט די שטערן,
ער הייסט דיר פֿייגעלעך געבערן —
און דו, דו ענטפֿערסט מיר טרי־לי...

דער גאָט, וואָס גיט אַ קינד דער מאַמען,
ווי קען ער הייסן זיי פֿאַרסמען?
און דו, דו ענטפֿערסט מיר טרי־לי...

דער גאָט, וואָס הייסט די פֿייגל טרעלן,
ווי קען אים קינדערמאָרד געפֿעלן?
און דו, דו ענטפֿערסט מיר טרי־לי...

דאָס האַרץ אין מיר וועט אייביק שרײַען:
ניין, גאָט האָט פֿיינט רציחהרײַען!
און דו, דו ענטפֿערסט מיר טרי־לי...

אויב דאָס זאָל אַנדערש זײַן, חלילה —
נאָך הײַנט פֿאַרשניטן ווערן וויל איך.
און דו, דו ענטפֿערסט מיר טרי־לי...

עמערס אָוונט

אין דער לופֿטן וויגן זיך עמערס אָוונט
אויף קייטן, וואָס גיבן פֿון זיך נישט קיין קלאַנג.
איך שטיי בײַ אַ בוים מיט צווײַגן האָניק,
וואָס ליגט אין די עפּל און שווײַגט מיט געזאַנג.

ווער פֿלאַנצט עס דיביימער און גיט זיי געטרײַשאַפֿט
און הייסט זיי זיך ציִען אַרויף צו דער בלוי?
די זון איז די אָם, די לבֿנה טוט וווּנדער —
און עמעצער הייסט זיי זיך פֿירן אַזוי.

און איטלעכער מענטש, וואָס ווערט געבוירן,
מיינט גרײַלעך: ער זעט און ער ווייסט וואָס ער טוט.
ס׳איז אפֿשר גוט, וואָס ער לעבט אין געגנאַרטקייט,
און זעט נישט זײַן בלינדקייט. ס׳איז אפֿשר גוט.

נאָר איטלעכער בלאָנדזשעט — — — אַ מאָל איז געצייכנט
אַ וועג אין אַ מידבר, אין שכנות מיט סדום,
מיט קוים אַ בוים, וואָס קוויקט מיט זײַן שאָטן:
דעם וואַנדערער חלומט זיך, אַז ס׳איז אַ שטראָם...

און אַ מאָל איז געצייכנט — ס׳אַ שפּיל פֿונעם גורל —
אַ וועג צווישן ביימער — (דער זכות איז נישט קלאָר) —
מ׳איז נישט אין גן־עדן, נאָר ווײַט, פֿון דער ווײַטנס
דערזעט מען, אַז אַלץ וואָס געזען, איז נאָך וואָר.

אויך איך האָב געבלאָנדזשעט, מײַן סטעזשקע געווען איז
פֿאַרקלערט מיט חלום, פֿאַרשאָטנט מיט סוד —
און שטיל, ווי די רייד פֿון אַ ווערבעבלעטל,
פֿאַר איטלעכער רגע געדאַנקט האָב איך גאָט.

איך האָב מיך געיאָגט נאָך זייפֿנבלעזלעך,
און כ׳ווייס היינט ווייל: כ׳האָב זיי דעריאָגט.
אין געיעג האָט מיר צוגעזונגען אַ פֿויגל —
איך זאָל נישט זען, ווי איך פּטר דעם טאָג.

משמעות

ווער ווייסט, וואָס סע טוט זיך אויף יענער זייט נאַכט.
איך קען נאָר דעם צער, וואָס דער טאָג האָט געבראַכט.

מיט די ציין האָב איך צוגעהאַלטן די פֿרייד —
ז׳האָט מיך איבערגעלאָזט פֿאַרשעמטערהייט.

פֿאַר אַ מינדסטן גראָשן זאָג איך אַ דאַנק —
און דאָס האַרץ איז מיר איינגעפֿאַלן און קראַנק.

איז קוק איך אַרויף צו די שטערן נאָך פֿריד —
ווי אין אַ באַנאַלן, נאַרישן ליד.

דער האַר פֿונעם ים מיט שטערן ווי רויג —
קען זיין, אַז ער פּינטלט צו מיר מיט אַן אויג...

איך זע נישט קיין זאַך, נאָר משמעות ס׳קען זיין —
אַנישט, פֿאַר וואָס עסט מיך ווי זשאַווער די פּיין?

אַ גאָלדשמיד ליטערט אַזוי מיך פֿון ברוד —
קען זיין, אַז איך ווייס נישט אַז מיר איז גוט...

אַ רגע אונטערן שטערן־וואָגן

ס׳איז האַלבע נאַכט.
דער היכל פֿון חלומות האָט זיך אויפֿגעמאַכט.
כ׳האָב נישט געזען דער הימל זאָל געווען זיך שפּאַלטן —
ער עפֿנט אויף אַ ביסל, וואָס ער האַלט באַהאַלטן.

דער דרימל פֿאַלט, ווי דורך אַ דינער זיפּ,
און לייגט זיך ווי אַ מאַרלע מיר אויף אויג און ליפּ.
דער שטערן־וואָגן פֿאָרט אויף לופֿטעוודיקע וועגן —
איך האָב אים אין אַ מיטן באַרג־אַראָפּ באַגעגנט.

דאָס האַרץ איז שווערער פֿון אַ שטיין.
באַשערט אַזוי, נאָר כ׳על דערטראָגן און דערגיין.
איך שלעפּ אַרײַן דעם שטערן־וואָגן אין מײַן חלום,
און וואָס ער ווײַזט מיר — ווי בין איך בכוח מאָלן?

איך האָב דעם שטערן־וואָגן אָפּגעשטעלט אין מיטן וועג,
און זיך געוווּנדערט, זיך געפֿרעגט:
פֿון וואַנען קומען קליינע שטערנדלעך צו גרויסע שטערן?
די גרויסע מוזן זיי מסתמא געבערן.

אָט גאַפּע איך: אַ שטערן גייט צו קינד.
ווער לויפֿט די הייבאַם רופֿן? אַ שטאָפּעט, אַ ווינט.
ס׳איז אמת: שטערן זענען מוליד, האָבן קינדער —
און ווער סע גלייבט עס נישט — אוי, יענער איז אַ בלינדער.

אַ בלינדער נאָר? אַ טויבער אויך,
ער זעט נישט ווײַטער פֿונעם קוימענרויך.
ער הערט נישט ווײַטער פֿון אַ בלעכן קלינגען —
און הייבט נישט אָן צו הערן ווי די שטערן זינגען.

ער זעט נישט, ווי די שטערן האָבן ליב
און ווערן פֿון דערפֿון אַ מאָל באַקלעמט, באַטריבט...
ער הייבט נישט אָן צו זען און הערן,
ווי שטערן קינדלען — יאָ, אויך שטערן.

אַ שטערן, אַ געווינערין, גייט שטיל צו קינד —
אַכיבע קוים אַ שטיל געשעפּטשע ברענגט דער ווינט.
אַז מ׳האָט נישט דאָרט קיין קימפּעט־ווייען,
איז קענען נישט געמאָלט זײַן קיין געשרייען.

איך צייל די שטערן און די שטערנדלעך — און כ׳ווער נתפּעל:
כ׳האָב אָנגעציילט מיליאָסן, אָן אַ צאָל —
און איטלעך שטערנדל פֿאַרמאָגט אַ ליכטיק וואָלקנבעטל,
איך בין אַפֿילו צוגעגאַנגען איינס אַ גלעט טון.

און קיינער טרעט נישט אָפּ פֿון דאַנען ביז אַהער,
אַכיבע נאָר אַ מלאך שיקט, נישט וויס איך ווער.
און פֿון די אַלע שטערן, טויזנטער מיליאָסן,
ווייסט גאָט ווו ווער סע ווינט, אויף וועלכע גאַסן.

ווי קען עס זײַן?
גאָר פּשוט: דאָרט איז אייביק היינט.
ער קען אַפֿילו אויך דאָס שטערנדל, דאָס מינדסטע,
וואָס מיינען מיינט מען: אוי, סע לעבט גאָר נעבעך אין דער פֿינצטער.

און פֿאַלט אַ שטערן, קומט אַ צווייטער אויף דער וועלט.
ס׳איז פֿון בראשית אָן אַזוי אַוועקגעשטעלט.
ס׳איז אויכעט נישט קיין ספֿק, נאָר אַ וודאי,
אַז שטערן זענען זיך משדך.

דאָס לעבן וואָלט זיך פּשוט אָפּגעגלוסט,
ווען ס׳זאָל דער הימל זײַן אָן שטערן, פּוסט.
אָן ליבשאַפט וואָלט קיין זכר פון די שטערן נישט געבליבן —
איך האָב עס אין אַ ספּרל אַ מאָל געזען פאַרשריבן.

דערפאַר איז, דאַנקען גאָט, דער הימל פול מיט זיי,
אי שטערן, אי דער עיקר שטערנדלעך — אין אַ געדריי,
און אַז משיח ט׳אונדז בקרוב ברענגען די גאולה,
וועט זײַן דער הימל שטערן אונדזער גאַסט אויף דער הילולא.

***

ווי נאָר סע קומט דער דרימל מיטן ביסל רו,
באַווײַזט זיך ווו נישט ווו אַ שטערן, וואָס ער ציט מיך צו —
און איינס אַ שטערנדל, אַ מיידל, איז אַ מאָל מיר שטאַרק געפעלן,
נאָר כ׳האָב געוווסט, די מאַמע אירע וועט נישט וועלן.

איך קען דאָס שטערן־מיידל נישט פון דאַ,
אַ מאָל איר עפּעס צוגעזאָגט אין אַ גענייגטער שעה,
און עפּעס צוגעשווירן —
דערנאָך האָב איך זי, ווי מיר, ערגעץ אָנגעווירן.

(נישט אָנגעווירן, ניין — כ׳האָב מיך גענאַרט.
מיר דאַכט, דאָס גאַנצע לעבן וואַרט איך אַלץ אויף איר און וואַרט,
און כ׳וואָלט נאָך איצט אַוועקגעגעבן
פאַר אירס אַ לאַסקע אַזש דאָס רעשטל ביסל לעבן.)

און ווו נישט ווו, ב׳אַ טויער צי אַ טיר,
באַקענטע שטערן וויטען זיך צו מיר —
מע פאָכעט ווי מיט שײַן פון בלומען,
איך זאָל באַווייליקן אַרײַנצוקומען.

ווי ווײַזט מען זיך צעווישן אײַערע צעשטראַלטע ווענט
מיט ליידיקע צווײי הענט?
די מעשׂים־טובֿים, וואָס איך ברענג מיט זיך, דאָס ביסל —
אַ פֿייגעלע קען מערער טראָגן אינעם פּיסקל.

ווי האָט מען דאָ געוווסט, איך קום אַהער?
נישט אַנדערש, נאָר ס׳איז מיר פֿאַרויסגעלאָפֿן ווער.
אויף שטערנשליאַכן ווײַטע, ברייטע
דערזע איך מײַנע אָפּגעשיידטע.

דער שטערן־וואָגן שטעלט זיך שטיל
אויף אַ צעבלענדטן שבֿיל —
איך זע ווי מײַנע אָפּגעשיידטע גייען אום אין צווייען, —
קען זײַן, דערפֿאַר בין מיט די שטערן איך אַזוי פֿאַרשלייערט.

און ווען נאָר סע רעדט אַרויס מײַן האַרץ —
באַווײַזט מען זיך, אָט ווי אויף מיר געוואַרט...
חדשותן? ס׳איז דאָ אַן אייביק לעבן;
צו זוכן טרייסט דערין — איז מיר דער זכות געגעבן.

דאָ נאָענט ווינען טאַטע־מאַמע — ממש צוצוגיין —
מיך נעמט אַזש אָן אַ ליכטיקדיק געוויין.
כ׳וועל גיין און גיין און ביז כ׳וועל זיי דערגרייכן —
און זאָגט מיר נישט, איר קלוגע, אַז ס׳איז נישט קיין שׂכל.

אַ שטערן פֿאַלט — וווהין זשע קומט אַהין
זײַן חלום, וואָס געוועזן פֿון ריינעם גין? —
נאָך דאָ אַ סך צו גראַמען און צו זאָגן —
זאָל נאָר נישט קיינער איבערשלאָגן.

אַ שטערן פֿאַלט —
ער האָט זײַן פֿינטל אייביקייט שוין אָפּגעשטראַלט.
אויך איך האָב בלויז אַ פֿינטל פֿון אַ רגע
אַרומגעשלענדערט אויף די שטערנוועגן.

אין בוידעמשטיבל האָט אַ האָן דערלאַנגט אַ קריי.
איך האָב פֿאַרגעסן אי מײַן פֿרייד און אי מײַן וויי.
דער שטערן־וואָגן איז מיט מיר צוריקגעפֿאָרן
צום אָנהייב־אָסיען־וואַלד פֿון מײַנע יאָרן.

איך בין געבליבן שטיין אויף האַרטער ערד,
און כ׳האָב געקלערט:
וואָס ענטפֿערט מען, אַז קלוגע לײַטן וועלן פֿרעגן,
וואָס איך האָב אָפּגעשפּאַרט פֿון בלאָנקען אויף די שטערנוועגן.

איך וועל שוין עפּעס דאָרטן זאָגן, איינס נאָך איינס,
און מ׳עט פֿאַרפֿרומטע הערן, ניבעטע פֿאַרשטיין;
נאָר הינטער ד׳אויגן וועט מען פֿאָרט כיכיקען,
צי גאָר זיך פֿון געלעכטער שטיקן.

דאָס האַרץ דערעיקרשט

אַז אַ פֿייגעלע הייבט אויף דעם קאָפּ צום הימל
נאָך איעדן טרונק,
איז עס אפֿשר פֿאָרט אַ ווונק,
אַז ס׳איז דאָ אַ גאָט,
און מע דאַרף נאָר גלייבן,

אַז די האַנט, וואָס שלײַדערט אין די טיפֿעניש
און זי מאַכט צו שפּאָט,
וועט אויך קומען אויפֿצוהייבן
און די פּלאָגעניש צענישטן.

מערער ווי אין אײַנשטײַנס צי אין ווייס איך ווערעס תּורה
זע איך די חידושים פֿונעם בורא
אין אַ ווערעמל, אַ מינדסטן,
אין אַ גרעזעלע, אַ דינסטן,
אָבער מערער נאָך אין האַרץ, דערעיקרשט,
וואָס שוין לאַנג געדאַרפֿט צעפֿאַלן זיך אויף שטיקער,
און באַשטייט נאָך.
זיכער האָט עס גאָט געמאַכט פֿון אײַזן.
דאַרף איך נישט קיין מופֿתים און קיין אותות
מיר צו ווײַזן
אי זײַן גוטסקייט, אי זײַן גרויסקייט.

אַז סע הערן אויף צו מאָלן מײַנע ווערטערמילן
אינעם טאָל פֿון מײַן געפֿאַלנקייט —
הייב איך אָן דערפֿילן,
אַזש דערהערן:
עמעץ גייט,
עמעץ קומט פֿון ווײַטע שטילענישן
און איז גרייט
מיר צו טריקענען די טרערן,
מיר די כליפּן פֿון די ליפּן אָפּצווווישן.

אַ טשיזשיקל

אַ טשיזשיקל איז צוגעטשעפּעט
צום לעפּל פֿון מײַן לינקן אויער.
קיין סודות זאָגט עס מיר נישט אויס,
און כ׳האַלט מיך נישט דעריבער גרויס —
נאָר מערנישט, סע פֿאַרזיסט מײַן טרויער.

לעהיי אַ קינד אין מיטן וויינען —
מע קומט אַ גלעט טון, צי אַ קוש טון,
מע ווישט אים אָפּ דאָס אויג, די ליפּ —
פֿאַרגעסט אַ רגע, אין געכליפּ,
דעם ווייטיק און די טיפֿע בושה.

אַזוי צעטרילערט זיך דער טשיזשיק,
וואָס וווינט בײַ מיר אין לינקן אויער —
ס׳איז ווי אַ צוקערל, אַ זיס —
כ׳פֿאַרגעס אַז מיר איז ווינד און וויסט,
און אַז דער ווייטיק נאָגט און בויערט.

וואָס האָב איך פֿונעם שיינעם טשיזשיק,
און פֿון זײַן גלאַט פּאָעטיש זינגען —
אַז אין דער בושהדיקער פּלאָג,
וואָס וואַקסט אין מיר פֿון טאָג צו טאָג,
אַז נאָר אַ רגע ווערט מיר גרינגער — ?

פון וואַנען?

א.

ווי ווונדערלעך איך בין צונויפגעשרויפט!
ווי שלימותדיק איך בין צונויפגעריגלט!
איך בין אַרײַן אין וויגל
מיט אבֿרים און ביינדעלעך און גידים,
מגושמע, און אויכעט פּיצינקע, וואָס קוים מע זעט זיי,
אַכיבע אַז מע כאַפּט זיי מיט די רענטגען־נעצן;
אַזעלכע, וואָס זיי שלעפן אויף אַראָפּ,
און אויך אַזעלכע, וואָס סע ציט זיי אויף אַרויף.

דער בעל־קבלה זאָגט, איך בין אַן עולם־קטן.
ס׳איז דאָ מיט וואָס צו זײַן צופרידן —
דעם יוצר איז די שאַפונג מערער ווי געראָטן.
און נאָך אַ זאַך: די צוואַנגען און די דלאָטן — די מכשירים —
נישטאָ! פֿאַראַנען נאָר איז די יצירה.

ב.

די ערד פֿאַר אָדמען האָט גאָט צונויפגעקליבן
פון אַלע עקן וועלט — אַזוי ווי ס׳שטייט געשריבן.
אויך קען זיך איטלעכער בן־אָדם שפּרייטן
צוריק־וועגס איבער אַלע דורות־קייטן.

ג.

פון וואַנען ציט מײַן תוך יניקה?
מײַן פּנימיות אָטעמט פון אַוועלכע ווײַטע טראַכטענישן?
האָב איך געזען בר־כוכבאן רײַסן פונעם שונא שטיקער,
צי נאָר ר׳ יוסף דילה ריינהן זיך די טרערןווישן?...

אַ פֿאַרשלייערטע לאָנקע

אַ שלאָפֿענער שלייער שאָרכט אין מײַן דרימל.
אַ הירש, ווי געהאָנגען אויף אייגענע הערנער,
פֿאַרטראַכט זיך, פֿאַרקוקט זיך אין הימל,
און קלויבט מיט די אויגן די שטערן,
ווי אויסגעשאָטענע קערנער.

איך רײַט אויפֿן הירש, ווי כ׳זאָל שוועבן —
איך לאָז מיך פֿאַרפֿירן
פֿון נעפּלנע רייפֿן,
איך לאָז מיר די אויגן פֿאַרבינדן, פֿאַרשלייפֿן —
איך וויל מיך פֿאַרלירן —
איך וויל נאָך דערלעבן
צו קענען געפֿינען
דעם גייער,
וואָס גייט נישט אַרויס פֿון מײַן זינען — — —

אַ שלאָפֿענער שלייער
שאָרכט אין מײַן דרימל —
און הינטערן שלייער
מיר עפֿנט זיך אויף אַ פֿאַרשלייערטע לאָנקע —
איך בלאָנקע.
און כ׳קום צון אַ ברונעם,
וואָס אָטעמט מיט טרייסטיקער שטילקייט דעם הימל —

צי האָב איך אים טאָקע געפֿונען?
סע ציט מיך נישט ווײַטער.

איך שעפּ מיט די זשמעניעס,
מיט בעכערס,
און גיס מיר אין האַרצן, וואָס איז מיר צעלעכערט,
דערזעען איך זאָל קענען,
כ׳זאָל קענען געפינען
דעם גייער, וואָס גייט נישט אַרויס פון מײַן זינען —
די בענקשאַפט זאָל מיך נישט פאַרברענען,
פאַרצערן.

אין ברונעם וויגט זיך אַ הימל מיט שטערן.

מײַן עלטסטער ברודער, זאָל זײַן געזונט

מײַן עלטסטער ברודער, זאָל זײַן געזונט,
האָט געדינט בײַם קײַזער פראַנץ־יאָזעף.
געדינט געטרײַ, נאָר העט צום סוף
האָט ער דעם פראָנט פאַרלאָזן.

מ׳איז אַלע געלאָפן ווהין מ׳האָט געקענט —
שוין דערעסן געוואָרן דאָס שיסעכץ.
איזאָנצאָ און פּיאַווע און ברענער־פּאָס —
און בלוט ווי וואַסער גיסט זיך.

(נישט איין מאָל האָט ער אין חלום געזען —
מיטן כּוח־המדמה אויך בהקיץ —
דעם זיידע חיים שטיין לעבן אים:
— „נישט געזאָרגט, די סכּנה פאַריאָג איך.

װעסט אַרױס, מײַן קינד, פֿון דער הײַנטיקער שלאַכט
אַ גאַנצער אױף אַלע גלידער.
חלילה, ס׳עט קומען נאָך אַזאַ קלעם —
װעל איך קומען דיך ראַטעװען װידער״.

דער זײדע איז דעמאָלט שױן נישט געװען,
אַ שוכן־עפֿר פֿון לאַנג שױן —
מײַן עלטסטער ברודער װײסט ניש דערפֿון,
און ער הײבט נישט אָן צו אַנגסטן...)

נאָך פֿאַר נײַנצן פֿערצן, אַ יִנגל נאָך,
פֿאַרשרײַבט ער װיצן און װערטלעך
אין אַן אָמניבוס, אין אַ גראָבן העפֿט,
און נײַסן געלײענטע, געהערטע.

און שמות־נרדפֿים פֿון „ענף״ און „קוץ״,
און פֿון „ארבה״, און „משלים קדמונים״ —
און כּלע גוטסן, װאָס זענען פֿאַראַן,
נאָר מע זעט נישט דערױף קײן קונה.

סײַ ייִדיש און סײַ לשון־קודש, סײַ דײַטש,
סײַ פֿרײלעכס, סײַ ערנסטע זאַכן,
חזנישס און לידער — מיט אײן װאָרט: אַלץ,
דעם מענטשן אײדלער צו מאַכן.

איז דאָרטן פֿאַרשריבן אַ שרעקלעכע זאַך,
װאָס אַ װעלט האָט דערמיט געטומלט;
ס׳איז געשטאַנען אין אַ װינער בלאַט,
װאָס איז גלײַך פֿון לעמבריק געקומען:

געשלאָפֿן אַ קינד אין אַ וויגעלע,
אין טאָראָנטאָ, אין לאַנד קאַנאַדאַ —
און אַ קאַץ איז אַנטשלאָפֿן געוואָרן אויף אים —
(ס'האָט נישט קיינער געזען אַוודאי —)

געשלאָפֿן בײַם קינד אויפֿן הערצעלע,
צי גאָר אויפֿן קעפּל סאַמע.
די מאַמע קומט צו — איז דאָס קינד דערשטיקט —
אַ ווייטיק איז דער מאַמען.

אָט דאָס האָט מײַן ברודער קאָפּירט פֿונעם בלאַט,
און די האַנט האָט דערבײַ אים געציטערט:
אַ מאַמע — איר עופּעלע טויט — מײַן גאָט,
ווי ווערט עס אַן עופּל פֿאַרשניטן?...

דאָס גוטע, רחמנותדיקע האַרץ —
אויפֿן גאַנצן לעבן פֿאַרבליבן.
די האַנט האָט געשריבן, דאָס אויג האָט געטרערט,
בשעת ר'האָט די נײַס פֿאַרשריבן.

(אַ קליינעם, נאַרישן פּאָסטסקריפּט
צו מײַן איצטיק נאַריש לידל:
וואָלט אַ ים מיט טינט באַשרײַבן געקענט
די וועלט אין איר הײַנטיקער בידע?

מע קוילט זיך, מע וואַרגט זיך, מע באָדט זיך אין בלוט —
און סע ציטערט די האַנט נישט אַפֿילו.
די נײַס פֿון קאַנאַדאַ, אין ווינער בלאַט,
איז דאָך ממש געווען אַן אידיליע...)

דער רבי משה

(מלכן און חייקען — אַ באַשיידענע מתּנה)

איינע פֿון די ליכטיקסטע געשטאַלטן, פֿון די שטילסטע,
נאָך פֿון מײַנע ייִנגלערישע חומש־רשי־יאָרן —
ערגעץ אין דער מיטן פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה —
איז דער רבי משה מײַנער; — כ׳זע אים פּונקט ווי דעמאָלט,
און דער עיקר הער איך נאָך זײַן שטילקייט פּונקט ווי דעמאָלט.
איך געדענק נאָך קוים זײַן קול, נאָר איך געדענק זײַן שטילקייט,
און זי זינגט נאָך הײַנט אין מיר און כ׳וויל זי נישט פֿאַרגעסן.

שוין פֿאַרגעסן, דאַכט זיך מיר, דעם חומש מיט דער רשי,
אָבער נישט וואָס ס׳האָט די שטילקייט זײַנע מיך געלערנט.

**
*

...אויף דער גאַס, נאָר צוויי דרײַ טריט פֿון דאָרטן ווו מיר לערנען,
שלעפּן פֿערד האַרמאַטן, און זיי זינקען אין דער בלאָטע —
אַלע זינקען: פֿערד, האַרמאַטן־רעדער, אויך די טרײַבערס,
די סאָלדאַטן, וואָס זיי שנײַדן שטיקער פֿון די חיות;
צוויי דרײַ טריט פֿון דאָרטן, ווו מיר לערנען, — נאָר אין אַלקער
לערנען מיר די טעמעדיקע מעשׂה יעקבֿ — עשׂו,
און ווי יעקבֿ האַלדזט בײַם ברונעם רחלען, און ער קושט זי...
אי די מעשׂה, אי דער ניגון פֿילט אונדז אָן מיט צאַפּל,
און מיר קוקן ווי ער קושט זי, און מע טאָר נישט קוקן...

די געשרייען פֿון די שלעגערס לושעט ביז אַהער צו,
און דערשרעקן יעקבֿן, און רחל וויל אַדש וויינען...

**
*

ר׳האָט געהאַט אַ גרויסע, שיינע באָרד און שטילע וואָנצעס,
וואָס זיי האָבן אים פֿאַרדעקט די ליפּן אויף אַזוי פֿיל,
אַז ביַים עסן פֿלעג ער מיט אַ פֿינגער אונטערהייבן
אָט די וואָנצעס, און געגעסן, — כאָטש געווען אַ סבֿרא,
אַז מע מעג זיי על־פּי דין אַ ביסל אונטערשערן,
וויַיל סע הייסט: זיי זענען דאָך מעכּבֿ די אכילה.
נאָר קיין שערל האָט נישט אָנגעקוקט קיין האָר אַפֿילו
פֿון דער באָרד און פֿון די וואָנצעס זיַינע... טאָמער איין מאָל
האָט די באָרד אַ האָר פֿאַרלוירן, פֿלעג ער זי באַהאַלטן
טיף אין דער גמרא — (איבער הונדערט צוואַנציק יאָרן
וועלן זיַין די האָר די עדות: מ׳האָט געלערנט תּורה.)

***

איך געדענק נישט וויפֿל זמנים ר׳האָט מיט אונדז געלערנט,
מיטן „שוחטס יינגלעך״ הייסט עס, און מיט נאָך אַ יינגל —
(וועגן אָט דעם יינגל ט׳זיַין די רייד אַ ביסל שפּעטער —)
נאָר ער האָט געוווינט ביַי אונדז, געשבתט און געיום־טובֿט;
ניין, איך כאַפּ מיך דאָ צוריק: ער פֿלעג אונדז איבערלאָזן
אַלע ערבֿ־יום־טובֿ, אפֿשר גאָר אַ טאָג צו פֿריִער,
אָדער אפֿשר גאָר אויף ראש־השנה און יום־כּיפּור —
(ווער זאָל עס געדענקען אַזש פֿון דעמאָלט פּרטי־פּרטים?) —
און זיך ווידער וויַיזן, ווי אַ זייגער, באַלד נאָך יום־טובֿ.
שטיל אַזוי ווי ר׳איז אַוועק איז ער צוריקגעקומען —
בלויז דעם „זיַיטס געזונט״ און דעם „גיט־עלעף״ פֿלעג מען הערן,
וויַיטער גאָרנישט. — נישט חלילה וויַיל געווען אַ שותק,
צי, ווער שמועסט, גאָר געליטן פֿון אַ מרה־שחורה;
גאָר פֿאַרקערט: די גוטסקייט האָט פֿון אים אַראָפּגעלויכטן,
זי איז טרויעריקלעך שיין געלעגן אויף זיַין צורה.

כ׳האָב געוווּסט פֿון ווו דער טרויער איז צון אים געקומען,
און פֿאַר וואָס ער איז אַזאַ פֿאַרשטילטער, אַ פֿאַרשעמטער. —
ר׳איז געגאַנגען שטיל, פֿאַמעלעך — מ׳האָט געקענט זיך שווערן,
אַז ער רירט נישט אָן דעם דיל — ער וויל אויף אים נישט טרעטן
מיט קיין כּוח. וואָס באַדאַרף מען עפּעס גיין מיט כּוח?...

***

ר׳איז געווען אַן אַלמן, און ער האָט געהאַט אַ טאָכטער,
אַ פֿאַרזעסן מיידל, נעבעך, ערגעץ בײַ אַ קרובֿ —
ר׳האָט געטראָגן טאָטעדיק דעם צער דער בת־יחידהס,
און די פּײַן פֿון אַלע יידישע פֿאַרשעמטע טעכטער
האָט געשפּרייט אַ צוגעלייגטקייט אויף זײַן ליכטיק פּנים;
(אויכעט מיך פֿאַרקלעמט בײַם האַרץ דער צער פֿון בנות־ישׂראל,
וואָס זיי וויאַנען, גייען אײַן, ווי נישט פֿאַרזייטע פֿעלדער.
ס׳קען געמאָלט זײַן, כ׳האָב עס אי פֿון יענעם רבי משה,
אי פֿון נאָך, ווי ער, אַזעלכע גוטע, פֿרומע לײַטן) —
האָט ער זיך פֿאַרדונגען אויף מלמדות אין די פֿרעמדן
און אַרומגעוואָגלט שיינע עטלעכענע יאָרן —
אַלץ כּדי נישט דאַרפֿן אָנצוקומען צו קיין לײַטן
אויף הכנסת־כּלה פֿאַר דער טאָכטער, דער יתומה;
זיך געוואָלט פֿאַרדינען ערלעך איטלעכענע פּרוטה —
פֿון מלאכה, פֿון מלמדות, מיגיע־כּפּיו.

און די פֿרעמד בײַ אונדז אין שטוב — די ערשטע, צי די לעצטע? —
איז דאָך אַלץ געווען אַ פֿרעמד, כאָטש מ׳האָט אים אָפּגעגעבן
כּבֿוד, ווי ס׳איז אים געקומען, טאַקע ווי אַ צדיק.

***

זאָלן אַנדערע זיך האָבן העלדן — פֿעלקער־קײַלערס,
וואָס דאָס מערדערן איז בײַ זיי פּשוטער ווי פּשוט,
אָט ווי אָטעמען די לופֿט, צי ווי דאָס ברויט צו אַכלען;
מײַן באַליבטסטער העלד פֿאַרמאָגט נישט אין דער האַנט קיין סאַבליע,
און ער פֿאָכעט נישט דערמיט אויף קעפּ אַראָפּגעלאָזטע
פֿון פֿאַרשעמטע מענטשן, פֿון פֿאַרמישפּטע גאָטס קינדער,
און דאָס קלאָגגעוויין איז ווי אַ דזשאַז בײַ זיי אין אויער; —
ניין, אַ טײַטל האַלט ער אין דער האַנט, און לערנט תּורה,
און די ליפּן זענען ריין פֿון זינד, די הענט — פֿון רישעות,
ווי אַ גוטער שאָטן גייט ער נאָך מיר נאָך און שטאַרקט מיך.
און איך הער אין מײַן געפֿאַלנקייט זײַן שטילקייט רעדן:
טראַכט קיין שלעכטס נישט, און קיין ביטערס ברענג נישט אויף די ליפּן —
באַלד וועסטו דיר מתּיר זײַן צו ניצן די ידיים...
לאָז נישט צו צום האַרץ קיין אומרעכטפֿאַרטיקע מחשבֿה;
טראַכטן שלעכטס איז אויך אַ חטא — בלויז גוטס באַדאַרף מען טראַכטן,
און די ליפּן דאַרף מען לערנען בלויז נאָר גוטס צו רעדן.
שווײַגן און קיין שלעכטס נישט רעדן — דאָס אַליין איז ווינציק;
ווײַל דער מענטש, וואָס טוט קיין שלעכטס נישט, איז דען שוין אַ צדיק?
מיינסט, סע קומט דיר אַ מענדאַל — דו טוסט קיין שלעכטס נישט קיינעם?
ניין, מע דאַרף בפֿירוש גוטס טון, וואָרן אויב אַז אַנדערש,
וואָס זשע טויג דעם מענטשן הענט — ער זאָל מיט זיי טאַלעפּען?
און די ליפּן האָט ער — אויף צו פּלאַפּלען שטותערײַען?

***

צוויי דרײַ טריט פֿון דאָרטן, וווּ מיר זיצן און מיר לערנען,
פֿירט דער וועג צום צווינטער — און אַ גאַנצן טאָג איז „פֿריילעך" —
ס'הערט זיך ביז אין שטוב דער מיליטערישער אָרקעסטער —

ער באַלייט אַ פּאַרטיע זעלנער, וואָס מע פירט באַגראָבן.
(ווייסט די מאַמע אין דער היים: מע פירט איר זון באַגראָבן?
ווייסט דאָס ווײַב אין טיף ראַסיי: איר מאַן איז טויט־פּאַרגליווערט?
סײַדנס נאָר די קאָרטן־וואָרפערינס דערציילן עפּעס,
סײַדנס די וואָראָנעס קראַקען עפּעס אויס אין פליען...)
נישט דער טאָג פּאַראַנען אינעם לאַזאַרעט אין שטעטל,
דאָרטן זאָלן גאַרנישט זײַן קיין שטאַרבנדיקע זעלנערס; —

פון נישט ווײַטע פראָנטן ברענגט מען זיי אַהין צו פירן,
און ס'איז דאָרטן פול מיט זיי — זיי ליגן אויך אין הייפל,
שווער גערעניטע, אַהינטער הויכע דראָטנפלויטן —
סײַ אויף בעטלעך, סײַ אויף קאָלדרעלעך, און איינס אויף ס'צווייטע —
און מע קוקט זיך אויס די אויגן: זאָל דער טויט שוין קומען...
פון די קאַסטנס, וואָס מע פירט פאַרבײַ, יאָגט אָן אַ ריח
פון קאַרבאָל — ער וואַרגט אונדז און פאַריאָגט די חומש־מעשׂות,
און מיר בלײַבן שטיין פאַרלאָזטע, ווי'ן אַ וויסטן מידבר.
(די באָנבאָנע, וואָס איך נעם אין מויל, איז אָן אַ זיסקייט,
און איך האַלט זי עפּעס ווי אַ שטיינדל אויפן גומען.)

***

איצטער מעג דער פרעגער פרעגן, ווײַל ס'איז טאַקע קשה:
קען אַ שוחט אין אַ שטעטל, וואָס איז גרויס — אַ גענעץ,
און דערצו נאָך אַ מטופל מיט אַ שטוב מיט קינדער,
געבן עסן און אַ בעט אָן אַ אייגענעם מלמד,
ובפרט דאָ רעדט זיך וועגן נדן פאַר אַ טאָכטער — ?
נאָר דער בחור, וואָס ער האָט געוווינט מיט אונדז אין איינעם,
ער, מסתמא, איז דער תירוץ — ר'איז דעם נגידס יינגל,
דאָס געציטערטע בן־יחידל דעם גבֿירס אין שטעטל.
אים האָט מען אָוועקגעשיקט פון טאַטע־מאַמעס לאַסקעס,

פֿון די היימישע מאַכלים און פֿון כּלעם גוטן —
אַז פֿון מוצאי־שבת ביזקל מיטן ערבֿ־שבת
זאָל ער זײַן בײַ אונדז און קענען אויפֿשטיין בהשכּמה
לערנען תּורה; בלויז אויף שבת, הייסט עס, און אויף יום־טובֿ
פֿלעג ער גיין אַהיים צו טאַטע־מאַמע און צו שוועסטער;
עלעהיי מע שיקט אַוועק אַ קינד אין אַ ישיבֿה;
טאָמער לעבט מען דאָרט בדוחק, דאַרף מען דאָך געדענקען:
עוסק זײַן אין תּורה־לערנען איז די גרעסטע זכיה —
טרוקן ברויט מיט זאַלץ און נאָך דערצו אַ ביסל וואַסער,
שלאָפֿן אויפֿן דיל — ס׳איז אַלץ כּדאי צוליב דער תּורה.
זי איז טײַערער פֿון פּערל — זאָגט אויף איר דער פּסוק.

ער און מיט אַ ברודער מײַנעם לערנען ש״ס און פּוסקים,
שטייען מיטן רבין אויף נאָך איידער ס׳הייבט אָן טאָגן.
כ׳פֿלעג זיי שטיל מקנא זײַן, אַז דער גמרא־ניגון
פֿלעג זיך פֿרידלעך לאָזן הערן און מיך איבערוועקן.
(כ׳האָב בײַ טאָג געלערנט בלויז אַ פּרשה חומש־רשי.)
— — — אַז כ׳על אויסגעוואַקסן, וועל איך אויכעט קענען לערנען
ש״ס און פּוסקים און כ׳על זײַן אַ מאָל אַ רבי משה,
מיט אַ גוטער באָרד ווי ער, און אויך קיין שלעכטס נישט רעדן,
און אַפֿילו טראַכטן נישט קיין שלעכטס, און זײַן אַ שטילער —
אפֿשר וועל איך שרײַבן ספֿרים — — — ווען זשע שרײַבט דער רבי?
אַנדערש נישט, ער שרײַבט בײַ נאַכט, ווען אַלע מענטשן שלאָפֿן,
און אַ מלאך קומט און לײַכט אים צו און העלפֿט אים שרײַבן...
וואָס זשע זע איך נישט בײַ טאָג די ספֿרים? אָ, מסתּמא
קען מען זיי נישט זען, מע טאָר נישט, ווײַל זיי זענען הייליק...

מיט אַזוינע טראַכטענישן פֿלעג איך אויף אים קוקן,
ביז איך בין צוריק אין גוטע טײַכן שלאָף פֿאַרזונקען.

***

יאָרן לאַנגע פֿלעג איך טראַכטן: אוי, כ׳וואָלט אויכעט וועלן
קענען שווײַגן גוט און שיין, ווי יענער רבי משה,
און דאָס האַרץ נישט לאָזן טראַכטן שלעכטס און נאַרישקייטן,
און די הענט באַניצן אָרנטלעך, אויף מעשׂים־טובֿים —
אָבער, ווײ מיר, ס׳האָט זיך מיר נישט אײַנגעגעבן גאָרנישט.
וואָס צעטראַכט איך נישט אין האַרצן? כ׳שעם מיך אויסצוזאָגן —
און די ליפּן לאָזן נישט אַרויף קיין רגע שטילקייט,
און די הענט — זיי טוען נישט קיין שלעכטס, נאָר אויך קיין גוטס נישט.
און איך פֿיל מיך שטאַרק געפֿאַלן, און איך שלאָף קיין נעכט נישט:
אפֿשר נאָך פֿאַרשעם איך גאָר דעם נאָמען פֿון מײַן רבין,
מיט מײַן גרייסן זיך מיט אים, ווו כ׳בין עס גאָרנישט ראוי?
כ׳האָב געמיינט, זײַן שטילקייט וועט מיר זײַן אַ גוטע לערנונג;
כ׳האָב זי אײַנגעזאַפּט אין מיר, נאָר אָפּגעהיט זי ווינציק.
ספֿרים שרײַב איך? שטראָף מיך, גאָט, נישט — נאַרישקייטן שרײַב איך,
און איך שעם מיך נישט אַפֿילו ווײַזן זיי פֿאַר לײַטן...

***

אין אַן אויפֿגעלייגטער רגע טראַכט איך בײַ מיר אָבער:
אַז מע רעדט אַרויס דעם נאָמען פֿון אַ גרויסן צדיק,
שוין אַ שוכן־עפֿר — הערט ער עס בײַ זיך אין קבֿר,
רירן זיך די ליפּן זײַנע, און ער שעפּטשעט עפּעס —
ווי סע שטייט אין שיר־השירים: דובֿבֿ שׂפֿתי־ישנים.
אויך מײַן רבי משה שעפּטשעט מיט די גוטע ליפּן,
ווען איך רעד פֿון אים און איך פֿאַרלויב זײַן שיינע שטילקייט — — —

חלום לאַנדשאַפֿט

(דער רבי ר׳ משה־לייב סאַסאָווער פֿלעגט אַרומגיין
איבער די ירידן און געבן די קעלבעלעך טרינקען.
— פֿון אַ חסידישער מעשׂה.)

איך שוועב איבער טיפֿע שלאָפֿענע גראָזן.
איך פֿיר אַ קאָזע רײַטנדיק.
די דערמאָנעניש קומט ווי אַ ווינטל צו בלאָזן
אַריבער אַ פֿלי׳ענדיקער בריק.

אין גילדענע שיסעלעך ליגט דער חלום,
צעשטעלטע אין מײַן דרימלרו,
און העמערלעך קלעפּלען אויף זײַן דינער שאָלעכץ,
זיי קלעפּלען זילבערן און רופֿן מיך צו.

...געבונדענע קעלבעלעך חלשן טרינקען
בײַ מיר אין שטעטל, אויף אַ יריד.
פּאַזע אַ קלויסטער, וואָס האַלט אין איין זינקען,
שאַרט זיך, מיט עמערס, אַ גוטער־ייִד.

ער שאַרט זיך צום ברונעם וואַסער שעפּן.
איך טענצל מיט, איך העלף אים צו.
זילבערנע העמערלעך קלעפּלען, קלעפּלען
אויף גילדענע שיסעלעך חלום־רו.

די חלום־ליכטיק טונקלט קלערער,
די קאָזע רײַט מיט מיר ערגעץ אַוועק
איבער טאָלן, וואָס ליגן אויסגעשטערנט
מיט שלאָפֿענע קאָלדרעס איבערגעדעקט.

אויף אַ באַרגשפּיץ גיט זי מיר צו זויגן,
איר אײַטער דערקען איך פֿון ווייס איך ווען.

אַ ווײַטעניש ווילקלט זיך פֿאַר מײַנע אויגן.
אַ דאַנק דעם באַשעפֿער. וואָס נאָך וויל איך דען?

און זי דרייט זיך אויס צו מיר מיט די הערנער
און שטויסט מיך אַראָפּ פֿון ערגעץ אַ הייך.
איך פֿאַרטשעפּע מיך אין געצווײַג און אין דערנער,
נאָר כ׳האָב בשלום דעם דנאָ דערגרייכט.

ווי קען אַ דערמאָנעניש־קאָזע באמת
גאָר טון עפּעס שלעכטס, צי טראַכטן בייזס?
איך טראָג פֿאַר קעלבלעך פֿולע עמערס,
און סע גיסט זיך פֿון מיר זיסער שווייס.

דער גוטער־ייִד איז שוין ווײַט פֿאַרפֿלויגן,
איך שרײַ אים נאָך: ר׳ משה־לייב!
געשמאַקע טרערן בריִען מיר די אויגן —
אין ליכטיקן חלום אײַנגעגלייבט.

כ׳וועל מעגן

אַ ניגון ליגט אין מיר, צעריסן
אויף צויטן און אויף שטיקער פֿלאַטער.
ווי היילט מען אים, כ׳וואָלט וועלן וויסן,
אַ סוף צו מאַכן צו מײַן מאַטער.

איך הער פֿאַר נאַכט זײַן קלאַנג זיך וויגן,
און האַלבע נאַכט — מיר דאַכט זיך — מערער.
אין חלום אָבער זינגט דער ניגון
אַ סך געלײַטערטער און קלערער.

נאָר אַז דער חלום נעמט פֿאַרשוועבן,
צעוואָרפֿט ער וואָס ער וויל אַנטפּלעקן —
ווי עמעץ טשאַטעוועט מײַן לעבן,
דעם ניגון אין מיר אויסצומעקן.

וועל איך אַוועק אין חלום־לאָנקעס —
אויף שוין נישט מער זיך אומצוקערן.
און כ׳וועל אַזוי לאַנג וואָגלען, בלאָנקען,
דעם ניגון גאַנץ ביז כ׳על דערהערן.

איך וועל אים נעמען אין די ליפּן,
— נישט קיין קמיע, נישט קיין אויבל —
דאָס האַרץ וועט אין מיר מער נישט כליפּען,
כ׳וועל ווידער ווערן אויפֿגעהויבן.

ס׳איז נישט קיין אויבל — גאָט באַוואָרן!
ס׳אַ ניגון און מיט פֿרומע ווערטער.
כ׳וועל דורכגיין מײַנע מידבר־יאָרן,
און קומען צו געגאַרטע ערטער.

די זון וועט צאַמען אירע שטראַלן,
און די לבֿנה וועט זיך בייגן —
איך זאָל מײַן קאָפּ, וואָס האַלט אין פֿאַלן,
אויף איר ווי אויף אַ קישן לייגן.

געבענטשטער ניגון דו, דערהערטער,
דו אַלטער, גוטער, פֿרומער ניגון —
כ׳וועל מעגן אין די טאָלן־גערטנער
מיט מײַנע אָפּגעשיידטע ליגן.

מײַן שװעלבל, מײַן טײַערס

מײַן שװעלבל, מײַן טײַערס, גוט־מאָרגן דיר —
װאָס טו דאָ אין װאָלד אַזוי פֿרי איך?
אַ גאַנצע לאַנגע פֿינצטערע נאַכט
ט׳מיך געהאַלטן צו דיר אין אײן ציִען.

װי קומט עס אַצינד אַ פֿינצטערע נאַכט,
װען די שטערן אין הימל זינגען?
מ׳האָט נעכטן געמערדערט די מאַמע אַלײן
פֿון מאַרטין לוטער קינגן.

(איר זון ט׳מען געמערדערט נישט לאַנג צוריק,
דעם שײנעם שװאַרצן מאַרטין —
מיט אַ שאָס פֿון אַ טעלעסקאָפּישער ביקס,
געצילט אין סאַמע האַרצן.)

אַ יונג איז אַרײַן, פֿון אַ פֿופֿצן יאָר —
און איר דורכגעשאָסן דעם גאָרגל,
בשעת זי׳ט געזונגען אַ ספּיריטואַל
און זיך צובאַלײט אויפֿן אָרגל.

ער האָט זיך דערביװעט — אַ גרױסע זאַך? —
צון אַ לײַטישן רעװאָלװער —
(דאָס ברױט איז טײַער, די מילך, די פֿרוכט —
אַ פּיסטויל איז אָבער װאָלװל) —

דאָס טשוירטשעלע איז געווען געפּאַקט,
מ'האָט געזונגען „אַדעסטע פידעלעס" —
די זון האָט געשאָטן מיט וואַרעם ליכט
דורך די פֿענצטערלעך אונטער דער סטעליע.

מלאָכים אויף אַלע פֿיר הייליקע ווענט
האָבן אונטערגעהאַלטן מיט האַרפֿן; —
ער האָט איר דערלאַנגט אַן איינציקן שאָס,
קיין צווייטן ט'מען שוין נישט באַדאַרפֿן.

אַזוי האָט די ראַדיאָ נעכטן דערציילט,
אָט אַזוי ווי איך דערצייל עס.
(די גוטע פֿרײַנד, מײַנע נאַרישע פֿרײַנד —
זיי ווילן, כ'זאָל שרײַבן פֿריילעכס.)

אַז איך האָב דערהערט דאָס שטיקל נײַס,
בין איך שיר נישט געשטאָרבן פֿון פּחד —
(די גוטע פֿרײַנד, מײַנע נאַרישע פֿרײַנד —
זיי זאָגן, כ'פֿאַרגין מיר נישט לאַכן.)

איז זעסטו שוין, שוועלבל: די ליכטיקע נעכט
קענען זײַן אַזוי פֿינצטער ווי פּעכן.
דער מוח גליט און הייבט זיך מיר,
ער וויל מיר דעם שאַרבן צעברעכן.

***

דער טומל אין שטאָט, דאָס געשריי, דאָס געפּרײַך,
וואָס מע זאָגט, אַז דאָס איז לעבן —
אַך, פֿליגן שרײַען דאָך אַזוי
אין פֿאַרפּלאָנטערטע שפּינגעוועבן.

די וואָלקן־קראַצערס בײַכיקן זיך
פֿון אָנגערויבטער שפֿע,
און אין דער לופֿטן הענגען שוין
בובאָנישע מגיפֿות.

מ׳האָט אָנגעשטאָפּט זיך פֿולע בײַך
מיט וויסנשאַפֿטן טיפֿע —
נאָר הינטער שיינע רייד וואָס שטעקט?
אי ליגנערײַ, אי חניפֿה.

און הײַנט די פֿעלקער־מערדערײַ,
דאָס קײַלן איינס דאָס צווייטע —
און ווי נאָר מ׳ענדיקט איין געקײַל,
איז נעמט מען זיך גרייטן צום צווייטן.

מע רוט זיך אָפּ אַ צוויי דרײַ יאָר —
און צוריק צו די הרגערײַען.
מיר דאַכט זיך, שוועלבל, איר פֿילט עס אויך,
נאָר איר קענט נאָר זינגען, נישט שרײַען.

און בינו לבֿינו ט׳מען עפּעס פֿאַרטראַכט:
מע מאַכט שוין פּלאַסטישע הערצער...
אויך דיר וועט מען געבן אַ הערצל אַזוינס?
נישט לאָז דיך, פֿייגעלע סערצע.

מ׳עט אַלעמען געבן גלײַכע הערץ,
עלעהיי ווי פּילקעס פֿון גומע —
מ׳עט מער נישט פֿילן קיין ליבשאַפֿט, קיין פֿרייד,
און מ׳עט ווערן בלינד צו בלומען.

באַהאַלט דיך אויס אין אַ דזשונגלוואַלד,
און קום נישט מער צוריקעט.
דער מענטש איז מטורף — ער זעט בחוש
ווי עמעצער קומט אים שטיקן.

**
*

אַט וועקט זיך שוין דער פֿייגלכאָר,
בײַ די סאַמע ערשטע שטראַלן.
איך הער די פֿוגעס פֿון הענדעל און באַך
אין אײַנערע כאָראַלן.

איר פּרוווט שוין אויס די קולעכלעך,
איר סטראָיעט אָן די העלדזער —
פֿאַראַן בײַ אײַך פּדהצורלעך,
פֿאַראַן אויך ניסי בעלדזערס.

נאָר וואָס איז דער חידוש: איר זינגט אַזוי שיין —
אַז איר הערט „יהי אור" טאָג־טעגלעך.
דער וואַלד שטייט אויף און וואַשט די הענט
פּיעטעטיש, אומבאַוועגלעך.

איז שבת הײַנט, ראש־חודש הײַנט — ?
כ'קען גאָרנישט אין לוח געפֿינען.
איר פּראַוועט זינגענדיק ראש־יום
אין איטלעכן באַגינען.

און וואָס צו דאַווענען ראש־יום
ט'מען אײַך נישט פֿירגעשריבן —
איר טוט עס ערלעך, אָפֿנטלעך,
אַ לעק נישט איבערגעטריבן.

איר נעמט פֿון דעם באַשעפֿערס האַנט
דאָס ביסעלע עשירות,
וואָס אין זײַן רחמים גיט ער עס אײַך —
און איר דאַנקט מיט מוזיצירונג.

איר רײַסט פֿון זיך נישט אויס ס׳האַרץ;
בײַ אַ טאָטן דאַרף מען מאָנען?
אַפּילו ער דערגיט אײַך נישט —
אַלץ דאַנקט איר מיט רננה.

און אײַער ליד געפֿעלט אים שטאַרק,
ער האָט דערפֿון הנאה.
סע טרעפֿט, ער לאָזט אַ זיסע טרער
אין דער טיפֿער באָרד, דער גראָער.

ווײַל פֿונעם מענטש — וואָס האָט ער הײַנט?
די גאַל קען נאָר צעשפּרינגען.
איר טרייסט אים — לאָזט ער שטיל אַ טרער,
און ס׳ווערט אים אפֿשר גרינגער...

זכר לנשמת

(לזכר נשמת האשה חנה־צירל בת שמואל. 1969־1950)

א) באַלאַדע

„כ׳האָב מײַנע יאָרן זיך געשלײַכט
ווי אַ שאָטן, אַ פֿאַרטראַכטער,
און כ׳בין געווען אַליין מיט גאָט
אין מײַנע טעג — פֿאַרנאַכטן.

נאָר כ׳בין נישט ערגער פֿון אַ בוים —
איך וויל אַ פֿרוכט געבערן,
און זען דערין מײַן פֿלייש און בלוט,
די אייביקייט און די שטערן.

מײַנע ביינער — אויפֿן מיזבח האַלץ,
מיך אַליין ווי אַן עולה פֿיר איך.
דאָס קינד, וואָס דרימלט שוין אין מיר —
דײַן האַנט זאָל עס נישט רירן״.

„וואָס גייט מיך אָן דאָס קרבן־האָלץ?
נישט רעד צו מיר פֿון קיין עולה.
איך טו מײַן שליחות; בײַ מײַן שווערד
נישטאָ איז וואָס צו פּועלן״.

„דו, מלאך פֿול אויגן, איך גיי, איך גיי,
און איינס נאָר בעט איך, וויל איך:
דו טשעפּע נישט דאָס קינד אין מיר,
וואָס גאָט האָט מיר שוין באַוויליקט״.

„נעם מיט דאָס קינד מיט זיך אין גרוב,
וועסטו פֿאַרשפּאָרן בענקען...״
„קיין צוויי קרבנות ברענגט מען נישט —
דאָס קינד וועט גאָט מיר שענקען.

דו, מלאך פֿול אויגן, איך גיי מיט דיר,
מײַנע כּוחות נעמען אַוועקגיין.
איך וויל געבערן אַ לעבעדיק קינד,
דערנאָך וועט מיך גאָרנישט שרעקן״.

„דו, אידל קינד, שטיל אײַן דײַן קלאָג —
ס׳האָט גאָט דערהערט דײַן תחינה.
װעסט זיך דערװײַטערן פֿון דײַן קינד
צען טעג נאָך דײַן געװינען״.

„איך נעם עס אָן, אויב ס׳איז אַ תּנאַי,
זײַן װידערשײַן פֿאַרבלענדט מיך.
דײַן שװערד, װי שאַרף זי זאָל נישט זײַן,
נישט העט און גאַנץ פֿאַרלענדט מיך״.

„װעסט האָבן צו די נײַנצן יאָר,
און נאָך צען מעת־לעתן צעגליטע
װעל איך קומען און װעל דיך נעמען מיט זיך,
אַ באַרוטע, אַן אײַנגעמידטע״.

אַזוי איז געשען. צו דער רעכטער צײַט
האָט זי אַ קינד געבוירן.
נאָך צען צעגליטע טעג און נעכט
האָט זי זיך אָנגעװוירן.

דער לעצטער אָטעם גענטערט זיך,
אין איר מילך — דער לעצטער טראָפּן.
דער מלאך פֿול אויגן, אַן אַ ריר,
האָט געװאַרט בײַ איר צוקאָפּנס.

אירע הענט האָבן לויז געלאָזט דאָס קינד,
װי זי װאָלט געזאָגט: ס׳װעט לעבן.
דער צער אויף איר פּנים האָט אויסגעװעפּט
זי האָט קוים אַ שמייכל געגעבן.

„נישט זאָגט דעם קינד וואָס דאָ איז געשען,
נאָר זאָגט אים, אַז ס׳וועט פֿרעגן:
אין הונדערט צוואַנציק יאָר אַרום
וועט די מאַמע אים קומען אַקעגן...

און צינדט נישט אָן קיין ליכט לעבן מיר,
נאָר שטעלט מיר דאָס וויגל צוקאָפּנס.
זאָל זען מײַן קינד, אַז איך בין דאָ,
און גאָרנישט האָט געטראָפֿן...״

דער לעצטער אָטעם נעגטערט זיך,
אין איר מילך — דער לעצטער טראָפּן.
דער מלאך פֿול אויגן, אָן אַ ריר,
האָט געוואַרט בײַ איר צוקאָפּנס...

ב) ווי נעמט מען אַזאַ דינע פען?

ווי נעמט מען אַזאַ דינע פען,
צו שרײַבן פֿון דײַן דינקייט?
אַ טײַך, וואָס חלומט אין פֿאַרנאַכט,
באַהאַלט דיך, אַ פֿאַרשפּינטע.

פֿאַר נאַכט אַ שטילער כוואַליערינג —
אַזוי פֿון דײַן געבוירן.
בײַם ברעג, דיך אָנצוכאַפּן ווילד,
געוואַרט אויף דיר דײַן גורל.

געוואַרט, דו זאָלסט צעוויגן זיך —
דערנאָך וועט ער דיך כאַפּן.
האָסט אים אַ לעבן לאַנג געפּילט,
מיט די פֿינגער אָנצוטאַפּן.

האָסט נישט געשראָקן זיך פֿאַר אים,
גערעדט ווי צון אַ נאָענטן.
ער האָט געוואָרט אויף דיר בײַם ברעג,
די לעצטע לייד דיר אָנטון.

דו ווערסט פֿון אַ שטילער כוואַליע פֿאַר נאַכט
אַ בייגעוודיק ווערבעריטל.
בײַ וועמען פֿרעגן: פֿאַר וואָס איז באַשערט
אַזוי יונג צו ווערן פֿאַרשניטן?

דו ווערסט פֿון אַ דינעם ווערבעצווײַג
אַ טויב מיט געטרײַע אויגן.
כ׳האָב געזען ווי די פֿליגל הייבן דיך אויף,
און דו ביסט אַוועקגעפֿלויגן.

איך האָב דיר אַ רגע נאָכגעקוקט
מיט אויגן פֿאַרבלענדטע פֿון טרערן.
בײַ וועמען פֿרעגן: פֿאַר וואָס איז באַשערט
אַזוי יונג פֿאַרשניטן צו ווערן?...

איך בין אַרויס אין פֿעלד פֿאַרנאַכטצײַט

איך בין אַרויס אין פֿעלד פֿאַרנאַכטצײַט —
אויף פֿליגל צוויי, נישט אויסגעטראַכטע.

האָב איך געזען אַ שטעג זיך שלענגלען.
וווהין וועט מיך די סטעזשקע ברענגען?

קיין גרעזל זעט מען נישט זיך רירן.
וווהין וועט מיך די סטעזשקע פֿירן?

איך האָב געוואָלט אַוועק וואָס ווײַטער,
די סטעזשקע זאָל מיך איבערבײַטן.

די סטעזשקע זאָל מיך פֿירן, פֿירן —
אַז איך זאָל זיך אויף איר פֿאַרלירן.

די סטעזשקע זאָל מיר אויך פֿאַרגינען —
אַז איך זאָל זיך אויף איר געפֿינען.

אַ פּאַלאַץ בלענדט פֿון ווײַט די אויגן —
כ'בין אַ פֿאַרכאַפּטער צוגעפֿלויגן.

ס'איז נישט קיין פּאַלאַץ, נאָר אַ כאַטע —
מיט שײַבעלעך, מיט מידע, מאַטע.

די שײַן פֿאַרבעט מיך, זיך צו בוקן,
ניט שרעקן זיך אַרײַנצוקוקן.

האָב איך מיך צוגעבויגן גרײַלעך —
און אָפּגעגאַנגען הינטערווײַלעכץ.

אַ פּאָר, פֿון ווײַטן ווי געקומען —
און האַלט זיך הייס אַרומגענומען.

איך האָב דאָס פּנים מיר באַהאַלטן —
מיך זאָל נישט בלינדן גאָטס געשטאַלטונג.

און אויפֿן שטעג האָב איך געפֿונען
פֿאַרטראַכטע דרײַ לבֿנה־זונען . . .

די באַלאַדע פֿונעם מקובל און דער שבת מלכּתא

דער מקובל זיצט אין אַ ווינקל פֿאַרטראַכט,
מיט אַ ספֿרל, אײַנגעבויגן.
דער שיר־השירים זינגט אַרויס
פֿון זײַנע פֿאַרבענקטע אויגן.

דער ערבֿ־שבת אומעטיקט.
אַ באַדרענגעניש איז אים באַפֿאַלן;
דאָס האַרץ איז אים שוואַך, די נשמה זיפֿצט,
נאָר דער שבת קומט צו שטראַלן.

דאָס ווײַב איז אָרעם אָנגעטאָן
אין שטילע איידלקייטן —
זי טראָגט באַהאַלטן חלות צווי,
מיט צניעותקייט פֿאַרשפּרייטע.

און זי איז איידל אויסגעבלייכט,
פֿון וואָכן אָרעמע, שטילע —
דער ביסן פֿעלט צו מאָל אין מויל,
נאָר מ'איז נישט מתרעם, חלילה.

אַבי נישט דערצערנט דעם אייבערשטן,
און די תּורה ערלעך געהאַלטן.
אַ ליאַדע טאָג קען אַ נס געשען
און די קלעמעניש צעשפּאַלטן.

אַ גאַנצע וואָך זיך משתּטח געווען
אויף צפֿתער הייליקע קבֿרים —
געוויינט אויף דער שכינה, וואָס וואָגלט אַרום
שוין אַזוי פֿיל גלות־יאָרן.

און איבער די קבֿרים האָט ער געהערט
אויך די שכינה וואָרקען און ברומען,
אַזוי ווי אַ טויב: „כ׳האָב פֿאַרוויסט מײַן הויז,
און כ׳האָב נישט וווהין צו קומען״.

און מקבל־שבת געווען אין פֿעלד —
און אַ חקל־תּפּוחין אין שכנות
האָט מיטגעדאַוונט, זיך מיטגעוויגט
מיטן וואַרעמען מנין אין איינעם.

***

דער קידוש זינגט פֿון אים אַרויס,
ער טאַנצט מיטן שטיקל כּזית —
עבֿותות־אהבֿה האַלטן צונויף
דאָס געצעלט פֿון שלום־בית.

די סטרא־דקדושה איז גובֿר אין אים,
די געפּאַלנקייט פֿאַרפּלאָטערט.
מע טאָר נישט דערלאָזן קיין עצבֿות צו זיך —
ס׳איז דער סמך־מם וסיעתו.

געקומען אויף שבת צו זיך אַהיים —
מע טאָר נישט אַ ווײַב פֿאַרשעמען.
בת־שבֿע בת פֿרומע — צי זענען געמאָלט
נאָך שענערע, פֿרימערע נעמען?

ער האַלט אין דער האַנט אַ קונטרסל,
אַ ישן־נושן־ומיושן —
די שבת־מלכּתא איז בלייך,
נאָר זי איז אויסצוקושן.

דאָס ליכט אין לײַכטער טאָפּטשעט זיך,
דאָס פֿלעמל טוקט זיך אין צאַנקען.
די אישה לייענט אַן עבֿרי־טײַטש,
מיט ערלעכע, פֿרומע געדאַנקען.

דאָס ליכט אין לײַכטער טאָפּטשעט זיך
און מאַכט אים מיד די אויגן — — —
די שבת־מלכּתא ווײַזט זיך צון אים,
ווי ער וואָלט זי צוגעצויגן.

ער דרימלט אײַן, מיטן קונטרס אין האַנט,
ער שלאָפֿט אַ שינת־עראַי —
די שבת־מלכּתא ווײַזט זיך צון אים
אין איר גאַנצער ליבלעכער מראה —

און אָט איז זי באַלד בײַ זײַן אייגן ווײַב,
און זי שווינדט אין איר און באַהאַלט זיך,
סע ווערט אַ תּפֿארת־ליכטיקייט
פֿון בײדע שיינע געשטאַלטן.

מלאכין עילאין נידערן
ווו די מלכּתא לייגט זיך רוען —
ער איז זי מחבק מיט אײדלקייט —
און ס'איז זײַן אישה צנועה.

ער דאַנקט דעם בורא שעפּטשענדיק
פֿאַר די שטילע חסדים אַלע —
פֿאַר דער ליכטיקער שבת־מלכּתא
און אירע צוויי אײדעלע חלות.

פּאַסטושקע, היט דײַנע לעמעלעך צוויי

פּאַסטושקע, היט דײַנע לעמעלעך צוויי —
לאָז נישט קיין פּרעמדן אַ קוק טון אויף זיי.

ער וועט די לעמעלעך דײַנע דערזען —
קען אים נאָך דעמאָלט אַ כּישוף געשען.

ער וועט פֿאַרלירן זײַן שלאָף און זײַן רו —
און ס'עט נישט שולדיק זײַן קיינער, נאָר דו.

וועט ער זיך וואַרפֿן אין שלאָף ווי אַ שלאַנג,
און ער וועט אויפֿשטיין אי פֿריילעך, אי קראַנק —

וועט ער פֿאַרבלאָנדזשען פֿאַר טאָג פֿאַר דײַן טיר,
און וועט זיי בעטן מיט גוטן בײַ דיר.

וועסטו אַ דריי טון דעם קאָפּ ווי אויף נייך —
וועט ער אַוועק און פֿאַרבײַסן די ציין.

און ס'עט אים מײַדן דער שלאָף אין די נעכט —
וועט ער פֿאַרטראַכטן — ווער ווייסט סאַראַ שלעכטס.

וועט ער פֿאַרבלאָנדזשען פֿאַר טאָג פֿאַר דײַן טיר —
און וועט זיי בעטן מיט בייזן בײַ דיר — — — —

**
*

פּאַסטושקע, היט דײַנע לעמעלעך צוויי —
לאָז נישט קיין פּרמעדן אַ קוק טון אויף זיי...

אײַדע מאַזע

אַז איך בין געקומען קיין מאָנטרעאַל,
סעפּטעמבער, נײַנצן דרײַסיק —
האָב איך שוין געשריבן לידער געשמאַק,
נאָר איך פֿלעג זיי קיינעם נישט ווײַזן.

כ׳האָב נאָך אין דער היים, נאָך אין שטעטל, געוווּסט,
אַז אין מאָנטרעאַל, קאַנאַדע,
וועל איך אַלע בושות גובֿר זיין,
און נאָך לייענען פֿון די עסטראַדעס...

איך וועל... איך וועל... וואָס וועל איך נישט?
און ס׳איז דאָ אַזוי פֿיל צו וועלן!
אַזוי גיך, ווי כ׳על קומען קיין מאָנטרעאַל,
וועל איך לויפֿן זיך פֿירצושטעלן.

געקומען צו פֿאָרן. צו וועמען זשע
זאָל איך גיין זיך ווײַזן, צו וועמען?
געפֿונען באַלד אײַדע מאַזעס אַדרעס —
נאָר ווי הערט מען זיך אויף צו שעמען?

אַפֿילו איר קיין מאָל נישט טעלעפֿאָנירט.
זיך געשראָקן. און ס׳זענען פֿאַרלאָפֿן
חדשים און יאָרן — ביז סוף־כל־סוף
האָב איך זי אָנגעטראָפֿן

אויף עפּעס אַן אָונטש — ווער געדענקט? —
אין דער ביבליאָטעק, מסתּמא —
און עמעצער האָט מיר געזאָגט בסוד,
אַז מע רופט זי אויך „די מאַמע“.

„אוי־ווי!“ — האָב איך מיך אַ כאַפּ געטאָן —
„איך קען דאָך אויסנווייניק
איר ליד פון איר קינד, וואָס איז איר אַוועק —“
און איך הייב אָן דאָס ליד — און צעוויין מיך.

האָט צופּעליק דאָס דערזען אַ פרוי,
מיט אַ קאָפּ מיט טאַטאַרישע שטריכן —
אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, מע באַקענט אונדז באַלד,
און די קאַנטשאַפט איז זייער ניחא.

ווײַל ווער ט׳זיך געריכט, אַז גאָר אַזוי,
מתּוך פאַרשעמטע טרערן,
וועל איך די מאַמע פון יענעם ליד
דערזען — און פאַרכישופט ווערן?

בפרט, כ׳האָב באַלד מיר אײַנגערעדט,
אַז זי קומט אַרויס פון כאַזאַרן;
בפרט, מיר ווײַזן זיך ליד פאַר ליד —
און סע הייבט מיך נישט אָן צו אַרן...

בפרט, איר שטוב איז אַן אָפּענע,
אַן אמת בית־וועד לחכמים;
בפרט, איך קען נאָך פון טשערנאָוויץ
אירע לידער און איר נאָמען.

כ׳האָב נאָך דאָרט אירע עטלעכע לידער געזען,
מיט איר בילד, אין די וואַרשעווער „בלעטער״ —
גיי, נעם פֿאַרשטיי — ווי זאָגט מען עס —
דעם ווײַטן קוק פֿון די געטער...

דערנאָך איז כּמעט נישט אַוועק קיין טאָג,
איך זאָל צון איר נישט קומען —
און תּמיד געברענגט אַ ליד, אַ פֿרישס —
וואָס דען זאָל איך ברענגען: בלומען?

וואָס בין איך עפּעס — אַ קאַוואַליר
פֿון גראַף פּאָטאָצקיס צײַטן?
צי קום איך דען אַ פֿאַרריסענער
אויף אַ ראַסינאַנטע צו רײַטן?

כ׳פֿלעג ברענגען צון איר אַ פֿאַרמאַטערט ליד,
ווען איך בין פֿון דער גאַס אַנטלאָפֿן —
און איר ווײַזן דערמיט דאָס שטיקל נס,
וואָס מיט מיר האָט נאָר וואָס געטראָפֿן.

און זי האָט פֿאַר איטלעכן ליד באַצאָלט
מיט געצערטלטן ווײַן אַ גלעזל —
און איך בין פֿון מײַן פֿאַרמאַטערטקייט
אין דער רגע געוואָרן גענעזן.

**
*

און איצט בין איך עלנט אַזוי ווי אַ שטיין —
כאַטש וואַרף זיך אין וואַסער, אַכיבע.
מיר דאַכט, אַז ס׳איז נאָך נישט געווען אויף דער וועלט
אַזאַ הייסע פּלאַטאָנישע ליבע.

אַלץ איז נאָר געווען אַ חלום

אַלץ איז נאָר געווען אַ חלום
און האָט זיך מיר אויסגעדאַכט —
אָבער נישט דער הימל שטערן
און דער חלום האַלבע נאַכט.

אַלץ איז נאָר געווען אַ חלום,
פּוסטע דאַכטענישן אַלץ —
אָבער נישט די ווײַטע ליפּע,
וואָס איך האָב אַ מאָל געהאַלדזט.

אַלץ איז נאָר געווען אַ חלום,
וואָס די נאַרישקייט פֿאַרטראַכט —
אָבער נישט די איידלע בענקשאַפֿט,
וואָס זי האָט מיך אַלט געמאַכט.

אַלץ איז נאָר געווען אַ חלום,
סײַ אין שלאָף, סײַ אין דער קלאָר —
איינע נאָר, די ווונד אין האַרצן,
און די הייסע טרער — איז וואָר.

אַלץ איז נאָר געווען אַ חלום
און האָט זיך מיר אויסגעדאַכט —
אָבער נישט דער הימל שטערן
און דער חלום האַלבע נאַכט...

אַ סוד

אַ חבֿר מײַנער ט׳עפּעס מיר פֿאַרגלייבט, בסודי־סודות —
געװוען אַ ביסעלע פֿאַרשניאָשקעט דעמאָלט, װאָס אַן אמת —
און מיך פֿאַרשװוירן, אַז איך זאָל עס קיינעם נישט דערציילן — :
„איך װייס דאָך״ — זאָגט ער — „ביסט אַ שרײַבער און האָסט ליב צו פּאַטשקען —
איז זאָל דיך גאָט באַהיטן! נישט קיין װאָרט, כּל־זמן איך לעב נאָך.
און אַז כ׳װעל צומאַכן אַן אויג — נו, מילא; נאָר אויך דעמאָלט
זאָלסטו עס מאַכן איינס און צװיי און אָן קיין שום פּירושים —״
און ער איז צו מיר צוגעפֿאַלן, מיך גענומען האַלדזן
און קושן מיך, און כליפּען, ביז ער איז צו זיך געקומען;
אַ טיפֿן זיפֿץ געטאָן, און װידער אָנגעהויבן רעדן:

„דו ביסט דער איינציקער, דער ערשטער הייסט עס, װאָס איך װײַז אים
װאָס ס׳ליגט בײַ מיר אין האַרצן און סע טאַטשעט מיך און עסט מיך.
סע װאַרגט מיך שוין אַ לעבן לאַנג און װעט מיך נאָך דערװאַרגן —״
און ר׳האָט אַזוי געצויגן און געצויגן די הקדמה,
אַז כ׳האָב שוין באַלד געמיינט: אַ סוף, דערפֿון װעט גאָרנישט װערן —
לסוף האָט ער אַ זאָג געטאָן: „איך װיל אַליין מיך הערן —
כ׳װיל זען אַליין מיט װעלכע װערטער כ׳װעל דעם סוד באַקליידן —״

(איך האָב פֿאַרגעסן צו דערמאָנען, אַז דער חבֿר מײַנער
האָט ליב געהאַט צו שלינגען ביכער, און זיך אויסגעלערנט,
פֿון שרײַבערס, רעדן אַן אַ מאָס — נאָר לאָמיר עס אים שענקען —)

ר׳האָט עפּעס װי פֿאַרגעסן, װאָס ער האָט געװאָלט דערציילן,
צי אפֿשר גאָר פֿאַרטראַכט זיך: נישט געװוּסט װוּ אָנצוהייבן,
לסוף האָט ער אַ זאָג געטאָן, װי דווקא פֿון דער מיטן:
„בײַ אונדז איז דעמאָלט שוין געװוען אַ שטוב מיט קליינע קינדער,
מיט סאַמע מיידעלעך — ס׳איז אָבער נישט געװוען קיין קדיש״.

דער חבֿר מײַנער האָט אַרײַנגעגאָסן נאָך אַ גלעזל,
און נאָכגעמאַכט דעם טאַטנס קול: „צי הערסטו? כ'וויל אַ קדיש!
מײַן טאַטע איז געווען אַ שמײַסער און אַ קלײנער צדיק,
און אַז ער האָט דערפֿילט אַ מאָל: די גאַל אין אים קען פּלאַצן,
האָט ער געקענט פֿאַרבלאָנדזשען אין אַ קרעטשמע צווישן גויים,
און זיצן מיט זײ האַלבע נעכט און טרינקען גלײַך מיט אַלע,
און אפֿשר ווינציקער, ווײַל שיכּור איז ער נישט געוואָרן —
און ס'איז אים אָנגעשטאַנען זינגען גלײַך מיט זײ די דוּינעס,
און לאָזן גלײַך מיט זײ אַ טרער, און זיך מיט זײ צעקושן —
הקיצור, הער וואָס ס'איז געווען, ווײַל איך האָב פֿײַנט כלאָפּאָטשען:
די מאַמע האָט באין־שום־אופֿן נישט געקענט מיך האָבן,
ווײַל זי האָט, ווי אויף צו להכעיס, נאָר געבוירן מיידלעך —
איעדע וואָך פֿאַר פּסח, אַקוראַטנע ווי אַ זייגער —"

מײַן חבֿר האָט אַרײַנגעגאָסן נאָך אַ גלעזל משקה,
און ווי אַ זאָג געטאָן פֿאַר זיך: „געדענק וואָס איך דערצייל דיר —
ווײַל מער האָט, זינט די וועלט באַשטייט, אַזוינס נאָך נישט געטראָפֿן —
איך בין דער איינציקער מיט אָט אַזאַ מין ביאָגראַפֿיע —
איך נעם מיט מיר אין קבֿר מיט דעם וויטיק און די בושה —"

מײַן חבֿר האָט זיך דאָ צעוויינט, נאָר מיט אַזאַ התלהבֿות,
און מיט אַזאַ מין קול־יללה, וואָס מע הערט עס זעלטן —
אַז כ'האָב געמיינט: ס'איז לא־עלינו עפּעס דאָרטן ספּאַזמעס.
נאָר אין געכליפּ האָט ער אַרויסגעשאָסן: „נישט מײַן מאַמע
האָט מיך געהאַט, אַז ווײַ צו מײַנע יאָרן, נאָר מײַן מומע..."

ער האָט זיך אויסגעכליפּעט גוט, איז אים געוואָרן גרינגער —
האָט ער פֿאַרמאַכט די מידע אויגן און איז אײַנגעדרימלט...

**
*

מײַן חבֿר איז שוין לאַנג נישטאָ, נאָר — ווי ער האָט געבעטן —
וועל איך דאָ גאָרנישט מוסיף זײַן, נישט מאַכן קיין פּירושים.
איך האָב ביז הײַנט נישט אויפֿגעהערט מײַן חבֿרס סוד צו גלייבן —
אַזוי זאָל דער, וואָס נישט די הענט געוואַשן, מיך דערהייבן!...

בײַ אַ גלעזל טיי

טראַכטענישן קומען
בײַ אַ גלעזל טיי מיט האַרטן צוקער
און זיי הייסן —
אויף דערויף זיך גוט פֿאַרקוקן...

מיר פֿאַרהילט דעם זינען
אַ פֿאַרקלערטער שלייער — — —
ווערעם, זאָגסטו, וועלן עסן ?
נו, אַז מענטשן עסן — טוט נישט ווייער ?

און איך נעם אַ זופּ, און לעק מיר אָפּ די ליפּן :
אַלע טעמען.
און איך טראַכט אויף מײַנע שפּיץ געדאַנקען :
שוטה, בלויז דעם יום־המיתה קען מען נישט פֿאַרזאַמען.

פֿריידן, וואָס פֿאַרפֿלײַען,
קען מען דען דעריאָגן ?
זאָג איך : נו, געלויב זײַן ליבן נאָמען —
ווי די אָפּגעשיידטע מײַנע פֿלעגן זאָגן.

אמת, ברעך איז מען נישט זשעדנע,
און מע האָט זיי יאַקבע אין דער לינקער פּאה —
אָבער בײַ אַ גלעזל טיי מיט האַרטן צוקער
טראַכט מען גאָרנישט פֿון קיין רימה־ותולעה.

זאָגסט, איך בין געווען אַ סנאָב
און כ׳על אַזוי שוין בלײַבן.
אָסור, צי סע אַרט מיך,
אויב מע וועט עס מיר אויף דער מצבֿה שרײַבן.

איך דערצייל נישט קיינעם,
וואָס סע טוט מיר וויי — מע וויל נישט הערן —
כאָטש מײַן האַרץ פֿאַרזינקט אַזש
אין אַ טײַך פֿון טרערן.

שפּיל פֿון קלאַנגען

פֿון דער ווײַטער נאָענט קומט אַ קלאַנג, אַ שטילער —
הערט זיך עמעץ צו צו מײַן פֿאַרשעמטער תּפֿילה?

אויף אַ רגע מיין איך: כ׳האָב אומזיסט געציטערט;
אפֿשר שטייט אַ היכל אויף פֿון סאַמע שפּליטערס.

אין די וואָלקנשפּאַלטן רוען ווײַטן בלויע,
אַך, ווער ווייסט דען וואָס ס׳איז פֿרייד און וואָס ס׳איז טרויער.

אין די בלויען רוען טראָגעדיקע אינדן —
אין אַ רגע אייביקייט וועט אַלץ פֿאַרשווינדן.

בלויז אַ רגע אייביקייט וועט אַלץ געווערן,
נאָר איך שלינג די רגע און איך שלינג די טרערן.

ווײַל דער טאָג איז שטיל געווען און שטיל פֿאַרגאַנגען,
און איך הער מיך צו צום שטילן שפּיל פֿון קלאַנגען.

ווען מע מעג אַזוי הײַנט שרײַבן

ווען מע מעג אַזוי הײַנט שרײַבן —
נעם און שרײַב איך אָט אַזוי:
אַז זי קומט צו מיר צו חלום,
פֿאַרבט זי מיר די נאַכט אויף בלוי.

און וואָס נאָך וואָלט איך געשריבן?
אַז די בענקשאַפֿט איז אַ שטיין,
און דערונטער קאַפּען טראָפּנס
פֿון אַ שטיל, פֿאַרשעמט געוויין.

כ׳וואָלט געפֿרעגט: וואָס טוט די ליפּע
קאַרש און עפּל פֿאַר איר טיר?
איך געדענק נאָך אירע טעמען,
און איר שאַרך געדענקט זיך מיר.

ווײַל אַ בוים איז נישט נאָר פּירות,
נאָר איז אויכעט צווײַג און צווײַט.
כ׳האָב אים ליב געהאַט נאָך ליבערשט
אײדער ער האָט אויפֿגעבליט.

כ׳פֿלעג מיך דאָרטן פֿאַרבאַגראָבן
אין אַ שאָטנדיקן אָרט —
און אים קושן פֿון די ליפּן
אויך דאָס שאָרכנדיקסטע וואָרט.

ווען מע מעג אַזוי הײַנט שרײַבן...

די נימפֿע

(אַ מתּנה מײַנע טײַערע זיאַמע טעלעסין און רחל בוימוואָל)

כ׳בין דעמאָלט געווען אַ ייִנגל, לאַנג פֿאַר בר־מיצווה.

מ׳איז געזעסן אין שילכל, שבת, נאָך שלש־סעודות.
געווען צו פֿרי זיך צו שטעלן דאַווענען מעריבֿ.
אַיעדע רגע לויפֿט אַן אַנדערער קוקן,
צי פֿינטלען נאָך נישט ערגעץ די ערשטע דרײַ שטערן.
מע זיצט אין דער פֿינצטער, מע טראַכט, מע רעדט און — מע גענעצט.
גערעדט שוין פֿון וואָס איר ווילט נאָר הערן־געדענקען:
מילחמות, גזירות, גוים, עסטערײַך, פֿאָניע — — —

אַ טייל פֿונעם יונגוואַרג שוין דעמאָלט געגאַן אין גימנאַזיע —
מע רעדט וועגן וועלט, געאָגראַפֿיע, ניפֿלאות־הבורא —
ס׳איז פֿינצטער, נאָר פֿריילעך, דער כּוח־הדימיון צעשפּילט זיך —
ביז עמעצער זאָגט, ר׳האָט געהערט, ווי מע רעדט: אין די ימען —
נישט דאָ, ערגעץ ווײַט, אין גרויסן ים־אוקינוס,
איז דאָ אַ באַשעפֿעניש, וואָס איז האַלב פֿיש און האַלב מיידל —
פֿון קאָפּ ביז אין מיטן לייב ווי אַ מיידל אין גאַנצן,
און ווײַטער אַראָפּ — ווי אַ פֿיש, מיט אַן עק און מיט ליסקעס.
און איינס פֿון די ייִנגלעך, וואָס גייט שוין, ווײַזט אויס, אין גימנאַזיע,
גיט אַ זאָג, אַז אַזאַ מין באַשעפֿעניש רופֿט מען אַ נימפֿע —
און תּוך־כּדי־דיבור דערציילט ער: ס׳איז נאָר אַזאַ מעשׂה —
אַזאַ מין באַשעפֿעניש איז אין דער אמת נישטאָ גאָר —
מסתּמא האָט זיך עמעצן אויסגעדאַכט, אַז ער זעט עס —
למשל: האַלב פֿערד און האַלב מענטש איז די אייגענע מעשׂה —
ס׳האָט עמעץ אַ מאָל, מיט טויזנטער יאָר פֿריִער,

געזען פֿון דער ווײַט צום ערשטן מאָל אַ רײַטער —
און זיך איבערגעשראָקן, געמיינט ס׳איז אַ נײַע מין חיה...

האָט איינער, ר׳ לייבוש, אים איבערגעשלאָגן: „וואָס רעדסטו?!
אַזאַ מין באַשעפֿעניש, זאָגסטו, איז גאָרנישט פֿאַראַנען?!
איך האָב עס אַליין געזען מיט מײַנע צוויי אויגן —
איך זאָג נישט קיין ליגן, בפֿרט אין אַ מקום־קדוש״.

„אַזוי גאָר?״ — דערלאַנגען אַ שפּרונג אַ פּאָר גימנאַזיסטלעך
ר׳ לייבושן גלײַך אין פּנים, ווי אָפּגעבריטע —
„ווי קענט איר עס האָבן געזען, אַז ס׳אין גאַנצן אַ מעשׂה,
לא היה ולא נברא — ווייס איך! אַ קו איז געפֿלויגן!...״

ר׳ לייבוש פֿילט זיך באַליידיקט בפֿני־עם־ועדה:
„שייגאָץ!״ — דערלאַנגט ער אַ טופּע צון איינעם, צום עלטסטן —
„סע לוינט טאַקע שיקן קינדער אין דער מיגנאַזיע —
זיי זאָלן זיך אויסלערנען שפּרינגען אַזוי אין פּנים
אַן עלטערן ייִדן, אָן אַ לעק דרך־ארץ —״

די ייִנגלעך אָבער ענטפֿערן: „באָבע־מעשׂות!״
און איינס, מיט חוצפּה: „געזען, ווי איר זעט זיך די אויערן...״

„כ׳האָב אַליין געזען!״ — ר׳ לייבוש גיט זיך נישט אונטער —
„דו חצוף מחוצף, דו מאַכסט מיך גאָר פֿאַר אַ ליגנער?!״

ר׳ לייבושעס רויטע באָרד ווערט דרײַ מאָל רויטער.
ער לאָזט זיך צו צום בחור אַ פּאַטש אים דערלאַנגען:
„מע האָט נישט קיין לעק דרך־ארץ — אוי לאָזנים!...״

(אין שילכל ווערט אַ געשטופּעניש, אַ סומאַטאָכע —)
„איך האָב עס אַליין געזען — בעיניי ראיתי,
ווי איצט איז שבת פֿאַר נאַכט און מע האַלט פֿאַר מעריב —
דערציילט ער מיר, דער שנעק, אַז ס׳איז נאָר אַזאַ מעשׂה!״

נאָר דאָס דערלאַנגט שוין אַ ברי דעם „שנעק״, און ער ענטפערט,
שוין נישט גערעדט, נאָר מיט חוצפּה: „ס׳אַ ליגן! ס׳איז שקר!״ —
און אײדער מע כאַפּט אים און מ׳קען אים באַצאָלן כּדבעי,
וואָס ר׳האָט עס באַלײדיקט אַן עלטערן ייִד, אַ זײדע —
אַנטלויפט ער — אַ נאַר וועט ער זײַן? — ווײַל ס׳גאַנצע שׂכל
פאַרלײַדט נישט ר׳ לײבושעס קריוודע — אַזאַ מין העזה
איז נאָך נישט געהערט געוואָרן מיום הווסדו...

נאָר באַלד בײַ דער טיר באַרעכנט מען זיך: נישקשה,
מ׳עט פריִער דאַוונען מעריבֿ — ווּהין וועט מען לויפן?
די וועלט גייט נישט אונטער — דער „בחור״ וועט זײַנס באַקומען.

מ׳האָט אָפּגעדאַוונט מעריבֿ, מיט היסח־הדעת —
דער קאָפּ איז געלעגן ביים „יונג״ און בײַ הײַנטיקע קינדער —
ווער ווייסט, צי דאַוונט ער איצט גאָר ערגעץ מעריבֿ —
אַזוינער קען באַלד שוין באַגיין זיך אין גאַנצן אָן מעריבֿ...
ווען ר׳האָט נאָך שׂכל און קומט איצט בעטן מחילה
בײַם אַלטן ר׳ לײבוש — איז וואָלט מען אים אפשר געשאָנקען,
ר׳וואָלט אָפּגעקומען מיט בושה און מיט אַ נזיפה.

שוין העט נאָך מעריבֿ — „אַ גוט־וואָך!״ — „אַ גוט־וואָך, ר׳ לײבוש!״ —
מע גייט צון אים צו בניחותא, עולם וויל וויסן:
„ר׳ לײבוש, אפשר וואָלט איר אונדז עפּעס דערציילן
פון יענעם באַשעפעניש, האַלב פיש און האַלב מיידל —
למשל: ווו האָט איר עס געזען, וכולי, וכולי״.

לאָזט זיך ר׳ לײבוש נישט בעטן, און הייבט אָן דערציילן:
„וואָס הייסט עפּעס: ווו געזען? וואָס שײַך? — אין אַ ספר...״

רעמבראַנדט בײַ אונדז אין שטעטל

איר׳ט ניט גלייבן: רעמבראַנדט איז געווען בײַ אונדז אין שטעטל —
אין איצקאַן, וואָס דאָרט מײַן טאַטע ז״ל געווען איז שוחט,
און ס׳איז לעבן שאָץ, מײַן היימשטאָט, אין דער בוקאָווינע.

ווען איז דאָס געווען? אָ, אין דער ערשטער וועלט־מילחמה.
אַלטער ווײַנבערג, אונדזער שכן, איז פֿאַרשלאָפֿט געוואָרן
אויף אַ פֿוס, און זיך געמאַטערט, און מע זעט: ער לעשט זיך.
גייט מען צון אַ דאָקטער אינעם לאַזאַרעט אין שטעטל,
זאָגט ער: תּיכּף אָפּערירן — מ׳האָט צו לאַנג געוואַרט שוין.

נו, נישטאָ וווּהין צו פֿאָרן — ס׳איז דאָך אַן אינוואַזיע,
פֿאָניע האָט פֿאַרפֿלייצט דאָס לאַנד — מ׳האָט מורא זיך צו ווײַזן
אויף די קײַזערשטראָזן, און מע גייט אויף הינטערוועגן,
און קיין דאָקטער איז סײַ ווי נישטאָ, ווײַל מ׳איז אַנטלאָפֿן —
דער קיין לינץ און דער קיין שמיניץ — און דאָ איז באַו־מים —
קומען צו דער אָפּגערעדטער שעה די פֿעלדדאָקטוירים,
שטעטל נעמט זיך זאָגן תּהילים, און דער דאָקטער — שנײַדן.

שעהען נאָך דער אָפּעראַציע בין איך צוגעגאַנגען
און אַרײַנגעקוקט — דאָס פֿענצטער איז געשטאַנען אָפֿן —
איז פֿון די דאָקטוירים נישט געווען שוין מער קיין זיכר —
בלויז דאָס מת איז אויפֿן טיש געלעגן — אויסגעצויגן.

און פֿון דעמאָלט, ווען איך זע נאָר רעמבראַנדטס „אַנאַטאָמיע״,
דעם קאָנסיליום מיט דאָקטוירים — מיט די שאַרפֿע בערדלעך,
און די שיינע פּנימער, מיט גוטער חכמה פֿולע,
ווי זיי זאָלן זאָגן: ניין, נישטאָ, נישטאָ קיין העלפֿונג —
דאַכט זיך מיר, ניין, זע איך, אַז דאָס מת איז אַלטער ווײַנבערג...

איך בין זיכער: רעמבראַנדט האָט פּאָרטראַכט די „אַנאַטאָמיע"
נישט אין האָלאַנד — ווייס איך וואָס! — נאָר גאָר בײַ אונדז אין שטעטל;
דעם געדאַנק געכאַפּט בײַ אונדז, פון אַ מאָדעל, אַ גרייטן —
און דערנאָך דאָס בילד אַרויסגעענדיקט שוין אין האָלאַנד.

אמת, מ'האָט מיך שוין געפּרווט נישט איין מאָל איבערשפּאַרן:
רעמבראַנדט גאָר בײַ דיר אין שטעטל? ביסט אַראָפּ פון זינען?
עפּן אויף געשיכטעביכער; זע וואָס פאָרשערס זאָגן...

כ'וויל מיט קיינעם מיך נישט שפּאַרן, נאָר אַן אָפן פּענצטער
איז אַ מאָל נישט מער באַגלייבט ווי די געשיכטעביכער?...

ש"י חלומות־וועלטן

איך האָב אַנגעבענטשט דאָס ווינטל,
וויפל ס'איז אין אים אַרײַן —
ס'האָט מיר אויסגעווישט די שויבן,
ס'זאָל צו מיר דער טאָג אַרײַן.

איך האָב אַנגעבענטשט דעם פויגל,
וויפל איך האָב נאָר געקענט.
פון זײַן ליד פאַרגייט דער אומעט,
וואָס אויף מײַנע מידע הענט.

איך האָב אַנגעבענטשט די שטערן,
ווי געטרײַער איז נישטאָ —
פאַר די ש"י חלומות־וועלטן
אין אַן איינציק פינטל שעה...

ווּ נעמט מען אַזאַ נאָדל־פֿאָדעם

ווּ נעמט מען אַזאַ נאָדל־פֿאָדעם —
מײַן האַרץ, דאָס קראַנקע, צו פֿאַרנייען.
דער ווייטיק האָט עס מיר צעריסן
אויף טויזנט שטיקער, נישט אויף צווייען.

ווּ נעמט מען אַזאַ נאָדל־פֿאָדעם —
די שטיקער ווידער צו פֿאַרקניפּן —
אַ היילונג צו די מידע ביינער,
אַ שמייכל צו די בלייכע ליפּן.

פֿאַר וואָס בין איך אַזוי געשלאָגן,
פֿאַר וועלכע זינד, פֿאַר וועלכע טומאות?
קיין טאָטער וועט מיר שוין נישט העלפֿן,
איך זאָל מײַן ווייטיק איבערקומען.

האָט זיך מיר נאָר געדאַכט?

אַ טויב איז שטיל פֿאַרבײַגעפֿלויגן,
און כ׳האָב איר נאָכגעשיקט די אויגן.
האָט זיך מיר נאָר געדאַכט?

זי איז אַוועק אין די פֿאַרנאַכטן,
אַ נײַע לאָנקע אויסצוטראַכטן.
האָט זיך מיר נאָר געדאַכט?

די נאַכט האָט אָנגעהויבן פֿאַלן
און טרייסטן מיך מיט אירע שטראַלן.
האָט זיך מיר נאָר געדאַכט?

די ווײַטקייט האָט זיך צוגעבויגן,
און עמעץ האָט מיך צוגעצויגן —
האָט זיך מיר נאָר געדאַכט?...

ווו?

אַך, כ'האָב אַ מאָל אין אַ געטלעכער רגע,
ווען ס'איז נישט טאָג און נישט נאַכט, נאָר אין מיטן,
ווי אין אַ טראַנס אַ פּאָר שורות געשריבן —
שיר בשעת־מעשׂה די מיתה געליטן...

קיין מאָל איז נאָך נישט אַ מענטשן געקומען
עפּעס אַזוינס און אַזאַס אויפֿן רעיון —
איך האָב אַ קוק געטאָן אויף די פּאָר שורות,
און פֿאַר התפּעלות גענומען אַזש שרײַען.

קיין מאָל איז נאָך נישט אַ מענטשן געקומען
עפּעס אַזאַס און אַזוינס אויפֿן זינען.
נאָר מײַן געשריי האָט מיך איבערגעשראָקן,
און פֿונעם ליד — נישט קיין דוך צו געפֿינען.

איך בין אַרויס פֿונעם טראַנס מיט אַ פּחד,
און כ׳האָב דערפֿילט, ווי דער קאָפּ אויף מיר שפּאַלט זיך:
ווו איז דאָס ליד, וואָס כ׳האָב נאָר וואָס געשריבן?
מײַנע פּאָר שורות ווו ליגן באַהאַלטן?

זעלטן ווען זע איך עס ווי אין אַ חלום,
ווי ס׳וואָלט אַ פֿלאַטערלס שאָטן געפֿלאַטערט.
נעם איך מיך יאָגן דערנאָך ווי מטורף —
און בין בײַ נאַכט אויף צו שטאַרבן פֿאַרמאַטערט.

ווי ס׳זאָל זיך עמעצער דאָ מיט מיר רייצן,
האַלט עס מיך אַלץ אין איין וועקן און צי׳ען —
קומט אויף דער נאַכט, פֿיל איך פֿלאַם אין די שלייפֿן,
און אין די אויגן — אַ ברענעניש ברי׳ען.

ווו נאָר איך הער, ווי אַ פֿלייטל צעוויינט זיך,
ווו נאָר איך הער, ווי סע כליפּעט אַ פֿידל —
דאַכט זיך מיר: אוי, אָט וועט באַלד זיך באַווײַזן
וואָס כ׳האָב פֿאַרלוירן — מײַן אויסטערליש לידל.

עפּעס אַ ווינט, אַ געוויכער, אַ וויוגע
האָט עס געמוזט, אַל די רוחות, פֿאַרטראָגן.
וואָס זשע קען העלפֿן מײַן אויסגיין פֿון בענקשאַפֿט,
און די יסורים — נישט איבערצוזאָגן.

זעלטן ווען זע איך עס ווי אין אַ חלום —
ווי ס׳וואָלט אַ פֿלאַטערלס שאָטן געפֿלאַטערט.
אָפּגעבענקט האָב איך מײַן לעבן אויף גאָרנישט,
און כ׳האָב אומזיסט מײַנע יאָרן געפּטרט.

פֿאַראַן אַ ליד

פֿאַראַן אַ מאָל אַ ליד, וואָס איך צעממית
ווי נאָר סע ווערט געבוירן.
איך גיב אים שוין אַפֿילו נישט קיין נאָמען.
ווער האָט פֿאַרפֿלאַנצט בײַ מיר אין שויס אַזאַ מין זאָמען?
ס׳באַפֿאַלט מיך אַזש אַן אימה:
צי האָב איך עמעצן אַ מאָל נישט צוגעשווירן?...

פֿאַראַן אַ ליד, וואָס קען נאָר זויגן
דאָס גאַנצע לעבן מײַנע בלוטן.
ס׳איז אַ געשוויר, וואָס ס׳איז נישטאָ דערצו קיין היילונג.
ס׳וועט קיינער מיר נישט גלייבן, אַז איך וועל דערציילן:
ס׳האָט ביז צום אָפּגרונט באַלד מיך שוין אַראָפּגעצויגן.
צי קען דער סוף נאָך זײַן אַ גוטער?

פֿאַראַן אַ ליד, וואָס איך וועל וואַרטן
ביז וואַנען ס׳וועט זיך מיר באַווײַזן.
איך פֿיל עס ווײַט אין מיר זיך קרײַזן.
איך קען עס טיף אין מײַן געפֿאַלנקייט שוין הערן.
סע ראַנגלט זיך דורך ווייען אײַנגעשפּאַרטע,
נאָר כ׳ווייס, איך וועל דערמיט געבוירן ווערן...

דער קאָפּ איז מיר שווער

אַ צונויפֿגעשטשאָבעט ליד

דער פּיטעקאַנטראָפּוס ערעקטוס,
אויף וואַקלדיקע קלעצער, אויף די פּיס —
וואָס האַלט ער אין די לאַפּעס אויסגעשטרעקטע ?
אַ גרויליקס עפּעס, פּינצטערס, עפּעס וויסטס.

ער שטייט אויף וואַלקן־קראַצער־קוימענס,
מיט עפּעס מאַשינעריעס אויפֿן קאָפּ,
און נישטערט אום מטורף אין די רוימען —
מיט אַ קאַנאָנען־רער, אַ טעלעסקאָפּ.

ער איז קאַפּאַבל צו וואַרגן ימען,
פֿון כוואַליעס מאַכן געלע דרעליעס אייל.
ער קען דעם גאַנצן אוניווערס פֿאַרסמען,
און — סײַדנס אויסגיין אין אַ וויסטער הייל.

(גיי, שרײַב דערפֿון אַ ליד אין גראַמען,
דו חסר־דעהניק, דו פּוסטער פֿראַנט —
די איידלדיקסטע ווערטער ניץ, די סאַמע,
און שרײַב געציקלט, מיט אַ דינער האַנט.)

און שוואַרצע הינט, אין גאַנצע טשאַטעס,
באַפֿאַלן מײַנע בלוטנדיקע טריט —
ווהין אַנטלויפֿט מען עס, אַז אויך דער טאַטע
נישט קען זײַן אייגן קינד, און זעט עס ניט ?

די הינט פֿאַרשלעפּן מיר די קינדער.
מײַן פֿאָלק, מײַן אָנגעבידעוועטס, מײַן שפּראַך —
אין קלעמען נישט געווען נאָך, ווי אַצינדער,
ווען בליצן האָבן שוין פֿאַרצוקט מײַן דאַך.

(וואָס האַלטסטו נישט דײַן ליד פֿאַרגאַרטלט?
דו ווייסט נישט, אַז די דיכטונג לײַדט דאָך נישט
קיין ווערטער שפּיצעכדיקע און קיין האַרטע —
בײַ דיר איז דאָך דאָס ליד מיט פּחת געמישט.)

מײַן האַנט לאָזט אָפּ די פּען אַ מידע.
דאָס אָפּוסל — אוי, ווי פֿאַרענדיקט מען?
איך דאַרף צעפּליקן אַלע מײַנע לידער,
צעברעכן מיט די ציין די פּיס דער פּען.

ווי קומט צו מיר די אומפֿאַרשעמטקייט,
און די פֿאַרריסנקייט ווי קומט צו מיר —
צו האַמערן מיט פּויסטן, מיט פֿאַרקלעמטע,
אין גאָטס פֿאַרהאַמערטער און טויבער טיר.

די אויסגעבענקטע ערד מײַן אומהס —
ווי קוקסטו צו — וואָס ס'וועט איר איצט געטאָן?
דער שׂונא זאָגט: אַ לאָמער און אַ שטומער
איז אײַער שטאַרקער גאָט פֿון תּמיד אָן.

(איך האָב דעם שמד מיר נאָכגעגעבן —
אין גראַמענפֿאַס געעפֿנט ברייט דעם שפּונט.
איצט פֿיל איך, ווי סע עקלט זיך מיר דאָס לעבן;
דער שאול־תּחתּיה האָט גאָר נישט קיין גרונט...)

דורך שטעט, מיט פחד שוואַרצע

איך לויף דורך שטעט מיט פֿאַלנדיקע מויערן.
עקספּלאָזיעס, איינע פֿון דער צווייטער העכער,
פֿאַרטייבן מיר די אויערן.

די הייך פֿאַלט אין צעווישן דעכער —
די הײַזער הייבן זיך אויף פֿײַער־פֿליגל —
סע הערט זיך גאָטס געוויין און אַשמדאַיס געלעכטער.

דעם טאַטנס וואָלעכל, דער מאַמעס לשון־ניגון —
זיי קילן מיר די אָפּגעזענגטע פֿינגער,
זיי טראָגן מיך, זיי וויגן.

אין ברענענדיקן סדום — ווי קען מען זינגען?
אַ קעצעלע, אַ בלינדס, בײַ מיר אין בוזעם,
נישט לאָזט מיך אינעם פֿלאַמען־תּהום פֿאַרזינקען.

איך וועל אַנטרינען, ווײַל אַנטרינען מוז איך —
אין גאָטס געוויינען
פֿאַרנעם איך אַ געבעט: אַנטרין מיט מיר אין איינעם.

איך טוליע צו דאָס בלינדע קעצעלע צום האַרצן —
דאָס לשון און דאָס וואָלעכל באַהאַלט איך אין די ביינער —
און יאָג דורך ברענענדיקע שטעט, מיט פחד שוואַרצע.

גאָט, אוי, גאָט

אין דער ערד,
אין היילן,
ווינען נישט קיין הייליקע מיט לאַנגע בערד,
און זיצן דאָרטן טאָג און נאַכט און לערנען —
ווי די אַלטע מעשׂה־ביכעלעך דערציילן —
נאָר מע האַלט אין אירע טיפֿע בײַכער,
אין געשמידטע שפּײַכלערס,
שטאָלענע ציסטערנעס,
אָנגעפּראָפּט מיט טויטיקע מיקראָבן
און מיט גאַז־כמאַרעס,
וואָס אין איין כהרף־עין
מאַכן זיי פֿון לענדער אַשיקע סאַהאַרעס,
און אַ תּוהו־בֿוהו פֿון דער וועלט, דער שיינער,
און פֿון אַלע זאַכענישן, וואָס מיר האָבן.
ווען? מ׳איז גרייט. אַפֿילו אָט.
און ס׳איז נישטאָ, צו וועמען מע זאָל שרײַען,
וויינען.

גאָט, אוי, גאָט —
האָב איך עס דען באַשאַפֿן אָט די וועלט,
דאָס שיינע פֿוסן־בענקעלע פֿון דײַן געצעלט?
פֿאַר וואָס זשע ווייקט זיך מיר דאָס האַרץ אין בלוט,
די זעל — אין טרערן?
דו האָסט דאָך געזאָגט: כּי טובֿ — אַז אַלץ איז גוט —
פֿאַר וואָס זשע לאָזסטו עס דעם מענטש, ער זאָל זי איבערקערן?

דער הייסער טרער אַ שטילע לויב

דער הייסער טרער אַ שטילע לויב —
זי וואַשט מיר אויס אַ ווינקל שויב —
איך קוק אַריַין צו מיר אין האַרץ:
דער טרערנקוואַל איז נישט פֿאַרשטאַרצט —
ער לאָזט מיך אין דער טריקעניש
נישט אויסגיין אָן אַ טרייסט.

דאָס האַרץ איז נישט קיין קיזלשטיין,
און ס׳ריזלט דאָרט אַ שטיל געוויין —
וויַיל אויך די וועלט, די בידנע וועלט,
איז פּונקט ווי איך צו שפּאָט געשטעלט —
איך זשאַלעווע איר קיין טרערן נישט —
און גאָט אין הימל ווייסט.

די באַלאַדע פֿונעם פֿאַרדאַרטן בוים

אין דער לאָנקע שטייט אַ בוים —
אָט, ווי אַלע ביימער,
נאָר ער רירט נישט מיט קיין צוויַיג.
עפּעס איז אים, ווי מיר.

און קיין בלעטער האָט ער נישט —
אַ פֿאַרדאַרטער שטייט ער,
מיט אַ פֿינגער צו דער הייך,
ווי אַ לאָמער לייטער.

אין דער לאָנקע שטייט אַ בוים,
שטייט ער אויסגעצויגן.
פֿון דער שרעק, וואָס ר׳האָט געזען,
האָט ער שטאַרע אויגן.

וואָס האָט ער אַזוינס געזען?
ס׳איז נישט נאָכצוזאָגן.
ער האָט אַ געהאָנגענעם
דרײַ מעת־לעת געטראָגן.

ווער איז דער געהאָנגענער?
נאָך אַ חדר־ייִנגל.
אַנדערע אַזוי ווי ער
ווילט זיך גאָר נאָך שפּרינגען.

אַנדערע אַזוי ווי ער,
זענען דאָך נאָך שטיפֿערס —
נאָר דער דײַטש איז דאָ געווען,
מיט די ברייטע שליפֿעס.

און ער קומט מיט רישעותן
און מיט הרגערײַען —
און מע טאָר נישט פּלאַנכענען,
און מע טאָר נישט שרײַען.

און ער קומט און ער פֿאַרכאַפּט
וואָס ער קען נאָר שלעפּן —
אַז דאָס לעבן לאָזט זיך אויס,
און די כּוחות וועפּן.

און ער קאַרגט דעם פּענעץ ברויט,
און ער שנײַדט דעם ביסן —
די געדערעם אינעם לײַב
ווערן אויסגעריסן.

„ווײַז נאָר וואָס דו האָסט עס דאָרט,
יודען־קנאַבע קליינער.
האָסט אַ פּולע קעשענע
בולבעלעך, צי שטיינער?

ליידיק אויס די קעשענע,
קליינער יודען־גנבֿ!
און פֿון וואַנען קומסטו איצט —
זאָג מיר גיך: פֿון וואַנען?״

אין דער לאָנקע שטייט אַ בוים
מיט פֿאַרדאַרטע צווײַגן.
וואָס האָט ער אַזוינס געזען,
וואָס ער שטומט אין שווײַגן?

אויך דער מינדסטער צווײַגלריר
איז אים אָפּגענומען —
וואָס האָט ער אַזוינס געזען,
וואָס ער מוז נאָר שטומען?

אין דער לאָנקע שטייט אַ בוים,
שטייט ער ווי אין צוואַנגען —
אין אַן איינציקן מעת־לעת
איז ער אויסגעגאַנגען.

איך וועל פֿאַרחלומען דעם ווינט

די נאַכט איז חושך, שוואַרץ ווי טינט,
סע פֿאַלמעסן זי בליצן.
ווי לאַווע פֿון די דעכער רינט,
ווי סמאָלע זאָל עס שפּריצן.
איך פֿיל בחוש, ווי אַלצדינג שווינדט —
אויך איך, דער לידער־קריצער.

אין גאַס יאָגט אום אַ טשאַטע הינט
און יאָמערט נאָך די שטערן.
איך וועל פֿאַרחלומען דעם ווינט,
וואָס קומט מײַן הויז פֿאַרצערן —
איך זאָל דאָס כליפּען פֿון אַ קינד
צו קענען נאָך דערהערן...

קאַשמאַר

מע יאָגט מיך דורך אײַזערנע טרעפּ,
דורך געדרייטע —
די פֿיס זענען שווערע, ווי קייטן —
ביז סוף־כּל־סוף קום איך
אויף הויכע, אויף שפּיציקע דעכער,
ווו קוימענס פֿאַרמאָגן קעפּ
מיט אויסגעברענטע אויגנלעכער.
זיי לײַכטן אַזוי ווי גיהנומדיקע פֿאָנאַרן,
און פֿאַרשטיקטע געשרייען, שטומע,
האַלטן פֿון זיי אין שפּאַרן.

אין גרויל און אין שטומען געשריי
פּלאָטערט־צאַפּלט אַ פּאָרל טויבן,
ווײַס ווי שניי —
וואָס האַלטן זיי אין די שנעבעלעך צוויי?

אַ הענגל טרויבן,
ווי סע וואַקסט אַראָפּ פון אַ סכך לנוי,
אַ הדסל,
דער באָבעניוס אַ שנירל קרעלן — — —
וואָס צאַפּלען די טויבן אַזוי?
זיי שווינדן, און קומען צוריקגעפּלויגן,
און פרעגן מיך מיט שרעק אין די אויגן:
ווו, אוי, ווו די פּיסעלעך שטעלן?...

עמעץ לויפט לעבן מיר מיט געשריי אין די הענט —
ער וויל בײַ מיר ציען די שײַן פונעם בליק —
און ער וואַרפט זיך אַראָפּ פון אַ דאַך, פון אַ בריק.
אויף די הויכע, שפּיציקע דעכער שטיין
בלײַב איך אַליין.
די קעפּ, די שאַרבנס, שיפען שפּאָט,
נאָר סע ראַנגלט זיך מיט מיר אַ מלאך פון גאָט.

די טויבן שווינדן און קומען אַלץ ווידער זיך ווײַזן.
פון די הויכע טרעפּ פון אײַזן
פאַרפעלט מיר אָטעם אָט.
איך לויף, מיט געשריי אין די הענט,
צווישן פאַלנדיקע ווענט —
און סע ראַנגלט זיך מיט מיר אַ מלאך פון גאָט...

דער קאָפּ איז מיר שווער

די צײַט — אַ זייגער, וואָס ער הערט נישט אויף צו יאָגן,
מיט ווײַזערס, וואָס זיי ווילן עפּעס זאָגן,
צי ווײַזן,
און מיט אַ ציפּערבלאַט,
— אי קײַלעכיק, אי גלאַט —
און מיט אַ מײַנסטעריש געווערק
פֿון שטאָל און אײַזן...
(פֿאַראַן אַ באַרג, און אפּשר גאַנצע בערג
מיט ביכער שוין דערוועגן.)

אַזוי פֿון אייביק און ביז אייביק.
ווער זאָגט אַזוי? דער פֿילאָסאָף.
פֿאַרשפּאַרט מען פֿרעגן.
ווײַל פֿרעגן קען מען פֿרעגן אָן אַ סוף —
למשל: ווי איז עס צו גלייבן
אַז הינטערן געווערק זאָל נישט פֿאַראַן זײַן ווער,
וואָס גיט זיך אָפּ דערמיט,
אַז ס'זאָל נישט נעמען סקריפּען שווער,
און נישט אַ מאָל אַ זאָג טון; ווײַטער גיי איך ניט — ?...
איז פֿרעגט מען נישט; מע זאָגט: סע טוט זיך אַלץ אַליין.

אַ וואָרצל כריין,
אַ פּלאַטערל,
אַפֿילו אויך אַ פרישטשיק אויפֿן פּליך —

וואָס דאַרף מען זיך אַ סך צו מאַטערן,
אַז אַלצדינג קומט אַליין, פֿון זיך?

און די, וואָס האָבן אָט אַזוי געטראָפֿן,
ווי מיט אַ פֿינגער גלײַך אין הימל, —
זיי זענען באַלד אַרײַן — און מיט אַ באַץ! —
אין קרײַז פֿון גרויסע פֿילאָסאָפֿן,
און טראָגן אַ בוטאָן אַזאַ, אַ פֿילאָסאָפֿיש בלימל,
אין לינקן לאַץ.

נאָר איך האָב נאָך אין מײַנע חומש־רשי־יאָרן
געטראָפֿן אין אַ ספֿרל, אַן אַלטן:
דאָס מענטשעלע — ווי קען עס מיט זײַן מוחל, מיט זײַן גאָרן,
פֿאַרשטיין די טיף פֿון דער יצירה און איר סוד?
ווי קען ער משׂיג זײַן, אַז אויך די מינדסטע זאַך אַפֿילו,
איז פֿול מיט גאָט,
און דאָרט אַנטפּלעקט ער זיך באַהאַלטן —?

און ווײַטער שטייט אין ספֿרל: דאָס ווייסן אילע,
אַז מה־דאָך אַז אַ שיף באַדאַרף מען פֿירן
און דירעקטירן,
אַז זי זאָל נישט צעטראָסקעט ווערן צווישן קייטן פֿעלדז —
אַ כּל־שכּן שוין אַ וועלט, אַזאַ גוואַלדאָוונע וועלט.
וואָס דאַרף מען מער: צי קען מען זאָגן,
אַ בנין האָט אַליין זיך אויפֿגעשטעלט —?
און אַ געמעל, צי גאָר אַן אויסגעשניץ פֿון שטיין,
— איך ווייס? אַ רײַטער, צי אַ וואָגן —
אַפֿילו נאָר אַן אויסגעניי —

זיי ווערן עס פֿון זיך אַליין?
ווי קענען זיי?

אַוודאי איז דאָס ספּרל גערעכט.
אין פֿינצטערע, אין וואַכע נעכט,
ווען ס'האַרץ אין מיר הייבט אָן צו כליפּען,
צעבײַס איך מיר די ליפּן:
אַ גאָט איז דאָ,
און אַ געוועלק, און ווײַזערס ווײַזן.
ווהין זשע קער די פּלאָג, וואָס ס'ברענגט אַיעדע שעה?
ווי קומען די פֿורעניותן אַהער?
אַזוי פֿיל האָט עס גאָט געקענט דאָ גרײַזן?

(גערואַלד, ווי ס'איז דער קאָפּ מיר שווער!...)

לבדו ימלוך נורא...

קיין אַפּאָקאַליפּטישע פֿיר רײַטערס,
— פֿיר, נישט ווינציקער, נישט מער —
אויף פֿגירהדיקע פֿערד,
וועלן שוין נישט קומען פֿון דער ווײַטנס
מער.

און מע וועט נישט פֿויקן אין קיין פּויקן,
און מע וועט נישט פֿאָכען מיט קיין שווערדן,
און מע וועט קיין קרעכצן מער נישט הערן,
און קיין אויקען.

און פֿון אַלע זעקס באַקאַנטע זײַטן
וועט אַ בליץ אַ פֿלאַץ טון מיט אַ דונער —
וועלן זיך פֿאַרלעשן אַלע זונען,
און די ערד וועט בלײַבן ליגן
מיט אַרויסגעריסענע געדערעם
אין דער פֿינצטערניש פֿון טויטע שטערן,
און וועט אויפֿהערן צו שוועבן און זיך וויגן.

און מע וועט נישט הערן
נישט קיין ווידוי,
נישט קיין שום יתגדל־לויבן
פֿון דער נידער
דעם פֿון אויבן —

און ס׳וועט מער נישט טאָגן —
און פֿון ערגעץ וועט אַ גרויס געוויין זיך טראָגן
און וועט קלאָגן:
ווײ, לבֿדו ימלוך נורא...
פֿײַערדיקע שוואָמען
וועלן יוירן
פֿון די תּהומען
און דערגרייכן
ביז די העכסטע הייכן —
יוירן, יוירן,
און דערגרייכן ביז דער שוואַרצער זון —
און ס׳וועט הילכן ווי אַ שטיק טשוהון:
ווײ, לבֿדו ימלוך נורא...

שטאַרק אַ באַנאַל ליד

קום שוין, קום, ישעיהס חלום —
אַלע וואַרטן אויף דײַן ליכט.
קום, ווײַל איבער אַלע לענדער
הויערט פינצטערניש געדיכט.

נאַר נישט די, וואָס גלייבן, גאַרן
דורות לאַנג שוין נאָך דײַן שײַן.
פיר זיי פון די פינצטערנישן
אינעם קלאָרן טאָג אַרײַן.

ווען וועט שוין מקוים ווערן
אויף דער כליפענדיקער ערד —
מע זאָל שמידן רידלען, סערפן
פון דער שפיז און פון דער שווערד — ?

זאָלן אונדז די ווינטן ברענגען
בשורות, אַז סע בלויט אויף טאָג,
און מיט פריידן אונדז דערפרייען
פאַר אַזוי פיל לייד און פלאָג.

משיח־צדקנו

אין טאָל פון צעשאָטענע, טרוקענע ביינער —
וועט קומען צו רײַטן משיח־צדקנו...

גאָטס האַנט וועט אים פירן אַהין — ער זאָל וועקן
די ביינער, זיי זאָלן מיט פליש זיך באַדעקן.

מיט פליישׁ און מיט הויט און מיט אָדערן ווייכע —
ער וויל שוין זינט דורות די ביינער דערגרייכן...

ער וויל צו זיי ברענגען גאָטס וואָרט מיט געזאַנגען,
און אויסלייזן זיי פון די טויטיקע צוואַנגען.

זיי וועלן אים הערן און וועלן זיך שטעלן
און ווענדן די בליקן צו ליכטיקע שוועלן —

און וועלן דעם טויטטאָל פאַרלאָזן אויף אייביק — — —
משיח־צדקנו רייט האָפערדיק, גלייביק...

***

„מיין פאָלק" — וועט ער זאָגן — און ס'וואַרגן אים טרערן —
„געטרייסט און געשטאַרקט ווּעסטו ווידער איצט ווערן —

דו האָסט דאָך שוין טאָפּל אויף טאָפּל געליטן;
איז דאָ דען אַ חורבן, וואָס האָט דיך געמיטן?

ווי כוואַליעס שלענג איז די קלעם געקראָכן —
כמעט דיר די האָפענונג איבערגעבראָכן.

געהערט דיין געשריי, ווען מ'האָט שיר נישט פאַרלענדט דיך —
נאָר איך בין געלעגן אין מידבר געפענטעט.

און איצט, אינעם זכות פון דיין בענקעניש הייסער —
האָט גאָט מיך געשיקט, אַז איך זאָל דיך דערלייזן.

„עצמות יבשות, ווערט ווידער איצט גופים —"
אַזוי וועט ער רעדן, אַזוי וועט ער רופן...

ער רייט און ער וואַרט אויף דער שעה, דער באַשערטער —
שוין דורות געוואַרעמט די הייליקע ווערטער...

***

איצט שטייט ער אין טאָל, נאָר ער זעט דאָ נישט קיינעם —
ווי ווייט נאָר ער זעט — נישט קיין סימן פון ביינער.

צו וועמען דאָ רעדן, צו וועמען דאָ שטומען?
אַזוינס נישט געריכט זיך צו זען בײַ זײַן קומען.

נאָר קופּעס מיט אַש, וואו דאָס אויג קען דערלאַנגען —
צו וועמען דאָ ברענגען גאָטס וואָרט מיט געזאַנגען?

ער קוקט זיך אַרום, ווי פאַרבלאָנדזשעט פון ווײַטן:
וואָס זאָלן די קופּעס אַש באַטײַטן?

משיח־צדקנו פאַרשטשעמעט די ליפּן —
פאַר וועמען דאָ וויינען, פאַר וועמען דאָ כליפּען?

נאָר אָט — אינעם אַש נעמט זיך וועקן, זיך רירן...
— „מנחם, פון אַש אַרויס זאָלסטו זיי פירן!“

און ס'ענטפערט משיח־צדקנו, מיט טרערן:
„מײַן פאָלק, שטיי אויף, געשטאַרקט זאָלסטו ווערן.

איך בייג פאַר דיר אויף די קרומע וועגן,
און בערג גלײַך איך אויס, וואָס זיי קומען אַקעגן.

איך קום מיט קיין שפּיזן נישט, נישט מיט קיין שווערדן,
און ס'ציִען די פעלקער און קומען מיך הערן.

איך רעד מיט גוטן, איך רוף מיט שטילן —
און אַלע רשעים טוען מײַן ווילן.

נישטאָ מער קיין זינד, און דער זינדער באַשטייט נישט —
פון ס'בײַ נעמט גאָטס גײַסט איבער פעלקער זיך שפּרייטן...“

אין טאָל פון צעשאָטענע, טרוקענע ביינער —
וועט קומען צו רײַטן משיח־צדקנו...

די באַלאַדע פֿונעם סאָלדאַט פֿריץ

(מײַן ליבן ב.־ג. חפֿץ)

קיין קאַנאַדע האָט פֿריץ באַקומען אַ בריוו —
געווען איז ער דאָרטן געפֿאַנגען;
זײַן אילזע שרײַבט אים: אַך, מײַן שאַץ,
ווי קען איך צו דיר דערלאַנגען?

איך קוש דיר, שרײַבט זי, איטלעכס גליד,
בײַ נאַכט, ווען איך קען נישט שלאָפֿן.
דער פֿײַנד האָט דיך אַזוי ווײַט פֿאַרשלעפּט —
מיט זײַן נידערטרעכטיקן וואָפֿן.

זי שיקט אים איר בילד: מיט אַנטבלויזטע הענט —
זי ציט זיך, זי מאַכט צוּן אים חנען —
און פֿריץ, וואָס דער פֿײַנד האָט אים ווײַט פֿאַרשלעפּט —
פֿון רציחה וויל ער אַזש וויינען.

זי שיקט אים אַ בילד אירס: האַלב אַנטבלויזט,
און מיט אַ פֿאַרוויינטן שמייכל —
„איך בענק אין די נעכט נאָך מער ווי בײַ טאָג,
נאָר כ׳קען דיך נישט דערגרייכן.

איך ווײַז דיר האַלב פֿון מײַן נאַקעטקייט —
די צענזור לאָזט מער נישט ווײַזן...“
און פֿריץ, אַז ער לייענט און האַלט עס אויס,
איז דאָס האַרץ זײַנס געמאַכט פֿון אײַזן.

ער באַקומט פֿון איר בריוו וואָך־אײַן, וואָך־אויס —
די „קאַנוועניץ פֿון זשענעווע“ פֿאַרזיכערט:
די געפֿאַנגענע מעגן באַקומען פּאָסט,
פֿאָטאָגראַפֿיעס, — נאָר נישט קיין ביכער.

און ער, ווידער, שרײַבט איר: „איך אַרבעט אין וואַלד,
און איך האַלט פֿון דיר אין איין קלערן.
בײַם קאַרטשעווען ביימער טרעפֿט זיך אָפֿט —
מיר ווערן באַפֿאַלן פֿון בערן.

בײַ טאָג — פֿון בערן; בײַ נאַכט, אין שלאָף,
פֿאַרצערן אונדז גיפֿטיקע פֿליגן —
(ער ווייסט נישט, פֿריץ, אַז די צענזור
מעקט אויס אַזעלכע ליגנס.)

ער שרײַבט, די פֿאַנטאַזיע צעפֿליגלט זיך אים:
„מיר האָבן נאָך נישט פֿאַרלוירן —
מע קען נישט באַזיגן דעם דײַטשן גײַסט —
ווי לאַנג סע זאָל נישט געדויערן".

(ער שרײַבט נישט, פֿריץ, אַז מע האָדעוועט אים
מיט ביר, מיט טאָרט און מיט אינדיק —
און געהיים אַז ער קלויבט דאָ בלעך און דראָט,
ווײַל ער פּלאַנט עפּעס אויסצוגעפֿינען...)

און אילזע שיקט בריוו און זי רייצט זיך מיט אים:
אַ וויזיט וואָלט זי וועלן אים מאַכן
אויף בלויז אַן איינציקער זיסער נאַכט —
און ס'זאָל קיינער זיי נישט באַוואַכן.

ביז איין מאָל — אַ בליץ אין אַ קלאָרן טאָג,
אַ קראַך און אַ דאָנערוועטער —
ער וואַרט אויף אילזעס געצערטלטע רייד,
וואָס וואַרעמען אים און וואָס גלעטן —

נאָר אילזע שרײַבט אים: „ליבער פריץ,
זײַ מיר מוחל — איך האָב דיך פֿאַרראַטן —
איך האָב געבוירן, אַ ייִנגעלע —
פֿון וועמען? פֿון דײַן טאַטן".

***

פֿון איצט האָבן אויפֿגעהערט פֿליִען בריוו.
מ'האָט דערלעבט דעם טאָג פֿון באַפֿרײַונג.
געקומען אַהיים — און אין ערשטן טאָג
דערשיסט ער אַלע דרײַען.

און באַלד, אַ שעה נאָכן דרײַיִקן מאָרד,
האָט ער זיך אויפֿגעהאַנגען.
און דאָס איז דער סוף פֿון אַ דײַטשן סאָלדאַט,
וואָס געווען אין קאַנאַדע געפֿאַנגען.

דער חזן זרילאָוו זאָגט סליחות

„מכניסי־רחמים, טראָגט אַוועק
מײַן אויסגעוויינטע תּפֿילה —
און לאָזט זי פֿאַלן ווו מע דאַרף.
מײַן ווייטיק זאָל זיך שטילן.

דער ווייטיק עסט מיר אויף דאָס האַרץ,
דער קאָפּ איז מיר דערשלאָגן —
די שערי־דמעות עפֿנט אויף,
און ברענגט מײַן זיפֿץ צו טראָגן".

דער חזן זרילאָוו שטייט פֿאַר גאָט:
„אוי, מרן דבשמיא —
דער רשע האַלט מײַן טײַער ווײַב
און מײַנע זין געטרײַע".

דער חזן זרילאָוו שטייט פֿאַר גאָט,
און בעט אים מיט תּחנונים:
„דער רשע זעט נישט, הערט מיך נישט —
וווּ נעם איך כּוח צון אים?

נאָר בלויז די וואָנצעס שמייכלען קרום
בײַם אַכזר, דעם גרוזינער —
ער גיט נישט אָפּ מײַן טײַער ווײַב
און מײַנע בײדע זינען.

איך גיב דערפֿאַר מײַן גאַנץ פֿאַרמעג —
וואָס טויג עס מיר? ווער דאַרף עס?
די בענקעניש פֿאַרצערט מײַן לײַב
אָט נאָר ווי שווערדן שאַרפֿע.

מײַן תּפֿילה גיס איך מיט געכליפּ,
זי זאָל צו דיר דערגרייכן —
הביטה, קוק אַראָפּ צו מיר
פֿון דײַנע טיפֿע הייכן.

מכניסי־רחמים, ברענגט פֿאַר גאָט
מײַן תּפֿילה, מײַנע טרערן —
אַז דעם גרוזינערס אַכזר־האַרץ
זאָל צו מיר ווייכער ווערן...״

דער חזן זרילאָוו שטייט פֿאַר גאָט,
זײַן תּפֿילה גליט ווי פֿײַער:
„הביטה, קוק אַראָפּ צו מיר,
אוי, מרן דבשמיא...״

קאַלטע לבֿנה־נאַכט

די לבֿנה — אַ בעטלערקע, אַן אַלטע.
די שטערן — הינטלעך לאָמע, קרומע.
אין אַ נאַכט, ווען אַזעלכע מזלות שאַלטן, —
וואָס קען מען, חוץ אויסגיין פֿון אומעט?

מיר ליגן זיס־ביטערע ווערטער אין גומען.
איך פֿיבער אין אַנגסטן הייסע־קאַלטע.
נאָר אַלץ נאָך הער איך אַ שאָרכעניש קומען,
של־מעלהדיקס, מיך צו דערהאַלטן.

געחלומטס, געבענקטס פֿון ווייס איך ווען נאָך,
גייט נאָך אַ מאָל דורך דורכן האַרץ, מיט אַ ציטער.
די אַנגסטן לעשן זיך, ווערן קלענער.
ס'ווערט זיסער אַ ביסל די ביטער.

און וואָס כ'האָב פֿאַרמאָגט, וואָס געוואָרן פֿאַרשניטן,
נעמט ציטערן טיף, ווי אַ ווײַטע אַנטענע — — —
וואָס וויל פֿון מיר דער מזלות־געוויטער —
מײַן חלום־לאַנד פֿאַרברענען?...

אין אַ מיטן מאַרק, אין אַן אויסגעטראַכט לאַנד

אָונטע, דו ווייסט דאָך פֿון אַלע שווערע הערצער —
ווער איז זי, ווער, אַט יענע פֿאַרבאָרגענע האַנט,
וואָס זי הייבט אַן אין מיר דרייען אַ קאַטערינע,
ווי אין אַ מיטן מאַרק, אין אַן אויסגעטראַכט לאַנד —

ערגעץ אַ לאַנד עק וועלט, אין יענע מקומות,
וואָס איך האָב, דאַכט זיך, נאָך קיין מאָל געטראָטן נישט דאָרט,
כאָטש איך שטיי שוין דאָרט אפֿשר הונדערטער יאָרן,
אַלץ אין אַן אָנהייב פֿאַרנאַכט, אין אַן אָפּגעפֿרעמדט אָרט.

מענטשן צערודערטע שטייען אויף שפּיצן פֿינגער,
אָבער איך שרײַ אין דער שטום: נישטאָ וואָס צו זען!
שטיי איך דען דאָ נישט שוין אפֿשר הונדערטער יאָרן?
בעסער צעגייט זיך, ווי איך וואָלט דאָ גאָרנישט געווען.

אָבער די מענטשן־המונים שטרעקן די הענט אויס,
שטומע, און ווײַזן מיר ווי סע פֿאַרגייט דער טאָג;
און צו די אויערן לייגן זיי צו די דלאָניעס —
איך זאָל הערן ווי האַרציק אַ פֿאַסטעכל קלאָגט.

יאָ, דאָס פּאַסטעכל טרייסט דעם טאָג, וואָס פֿאַרבלוטיקט —
דאָס איז די קאַטערינע, וואָס בליפּעט אין האַרץ,
און אין געכליפּ וואַרפֿט אַרײַן אַ וואָרט די פּאַפּוגע,
וואָס זי שטייט אויף מײַן אַקסל, אײַנגעדאַרט.

האַלב אַ פּאַפּוגע, וואָס האַנדלט מיט מזל־קוויטלעך,
האַלב אַ סאָווע, וואָס קלאָגט אין די נעכט און וויינט.
נאָענט אַרום — אַן אימה נעמט זיך צירקלען,
און דער המון און איך — מיר בלײַבן פֿאַרשטיינט.

און די לבֿנה, די שטערן, וואָס ווײַזן זיך פּלוצעם,
זענען ווי עפּעס מיט לעקטרע אָנגעפּילט.
קען דען קוואַלן אין אַזאַ ווײַט מנוחה?
קען דאָ מײַן פּחד דען ווערן אײַנגעשטילט?

בעט איך מיך בײַ דער פּאַפּוגע, צי בײַ דער סאָווע:
— נעם מיך אַרויס פֿון אָט דעם פֿאַרוואָרפֿענעם לאַנד,
פֿיר מיך אַהין, פֿון וואַנען איך בין געקומען...
— לויף, אַנטלויף פֿון אין מיטן אַ וואַלד אין בראַנד...

פֿײַלן ווײַזן אין אַלע פֿיר וועלטנזײַטן,
און זיי שרײַען שטום: אַנטלויף, אַנטרין!
און איך לויף שוין אפֿשר הונדערטער יאָרן,
נאָר דער פּחד האַלט מיך אַלץ דאָרט ווו איך בין.

די פּאַפּוגע, די סאָווע, לאַכט נישט און וויינט נישט,
נאָר זי טשירקעט נישט־דערזאָגט אַ וואָרט.
אויף די פּיס מײַנע קלינגען קלאַנגלאָזע קייטן,
און איך טאָפּטשע אין ווײַטן, פֿאַרוואָרפֿענעם אָרט.

פּרעוואָ, קעבעק

כ'האַלט אַ צײַטונג אין די הענט. זי בריט די פֿינגער.
„נאָך נישטאָ קיין הסכּם וועגן נוקלעאַרע וואָפֿנס:
וויפֿל, אויכעט וועלכע מינים מעג מען פּראָדוצירן?...״
פּוסטע זאַכענעס... מע מעג דערווײַל נאָך רויִק שלאָפֿן.

טרעפֿט — סע זאָל אַזוי נישט טרעפֿן —
אַז אין מיטן טאָג באַפֿאַלן מיך קאָשמאַרן.
איך בין היפּער־סענסיטיוו; פֿאַרפֿאַלן;
כאָטש איך ווייס: אויך טאָג־חלומות נאַרן.

אויכעט אין דער ליכטיק טרעפֿט זיך,
אַז איך זוך מיך און איך קען מיך נישט געפֿינען.
איז אַז מ'איז אין דאַרף — פֿאַרקוקט מען זיך אויף פֿייגל, עופֿות;
וואָס זשע, אין דער שטאָט זאָל איך עס מיר פֿאַרגינען?

זע איך, ווי אַ קאַטשער יאָגט זיך נאָך אַ קאַטשקע;
און אַ פּעטעך דרייט זיך צווישן קוואָקעס —
און אַז מיך, דעם גרויסן פֿלאָקן־שיסער,
קוקט ער אָן פֿון אויבן און קאַסאָקע.

און דעם פּעטעכס רויטע באָרד און רויטע אויגן
שטעכן מיך: „דו מאַך דיך נישט קולטורעוואַטע״ —
גיב איך מיר אַליין אַ בויקער,
און סע ווערט מיר באַלד אַ ביסל נחת־דעתי.

אין די קירכן פוסטעוועט נישקשה

אין די קירכן פוסטעוועט נישקשה,
כאָטש דער פּאַסטאָר רעדט דאָס שענסטע לשון.

צו די מעסעס קומט מען נישט, מע זינדיקט —
און מ׳האָט אויכעט אויפגעהערט צו קינדלען.

אין די שטעטלעך וואַקסן דיסקאָטעקן,
און פּאַרטייבן באַלד די קירכנגלעקער.

צלמים לײַכטן אויף די שפּיצן בערגער,
אָבער אין די קירכן ווערט אַלץ ערגער.

ס׳מערן זיך די מאָטאָציקל־רײַטערס —
גאַנצע באַנדעס יאָגן אום פאַרשײַטע.

איינע רופן זיך „דעם טײַוולס קינדער״ —
רופן זיך די צווייטע „אונטערצינדערס״.

„וואַלד־גזלנים״ רופן זיך די דריטע —
פון די נעמען כאַפּט אַזש אָן אַ ציטער.

אין די קעשענעס — פּיסטוילן גרייטע;
דאַרף מען, שיסט מען איינע אויף די צווייטע.

ס׳מוז נישט דווקא זײַן דערבײַ קיין סיבה;
נודנע איז דאָס לעבן, און סע איבלט.

זוכט מען זיך אַלץ נײַע פאַרגעניגנס —
בלײַבט אַ טויטער דאָ און דאָרטן ליגן.

וואַקסן דיסקאָטעקן, קרעטשמעס, תפיסות —
און ס׳איז אומעטיק אין די עגליזעס.

סע וואָלט געווען אַ גן־עדן

כ׳האָב מיר אַ מאָל צעבראָכן אַ ריפּ,
מיט יאָרן צוריק —
אין אַ פּאַל־אַראָפּ פון אַ לייטער.
געמיינט: ס׳איז גאָרנישט —
מילא, וועט אַ ביסל וויי טון.

אָבער אויף צו מאָרגנס
האָב איך מיך נישט געקענט אויפזעצן אין בעט,
און ליגנדיק — נישט געקענט מיך אויסדרייען.
(דאָס, האָב איך מיר געטראַכט,
קער זיַין אַ שטיקל טעם פון וויַבערישע ווייען.)

כ׳בין אַרומגעגאַנגען עטלעכע וואָכן
אַ ביסל פאַרקרימט,
נישט געקענט קיין ליַטישן קרעכץ טון —
ווער שמועסט
פון אַ הוסט.
די ריפּ האָט דערלאַנגט אַ שטאָך, ווי אַ שפּיז,
ביַי אַ ליאַדע ריר.

האָב איך גערעדט שטיל, ווי אַן אַלטער ייִד,
און ווי דורך אַ פאַרכריפּעט פליטל.
נישט געקענט אַרויסרעדן קיין הויך וואָרט,
ווי זשע האָב איך שוין געקענט אַ געשריי טון?

האָב איך דעמאָלט געטראַכט,
אַז איטלעכער מענטש וואָלט געדאַרפט אַרומגיין
מיט אַ צעבראָכענער ריפּ.

זאָל ער זײַן געזונט,
נאָר עפּעס זאָל אים ווי טון —
וועט ער נישט קענען עפּענען קיין פּיסק אויף אַ צווייטן,
און ט׳נישט קענען בריקען.

וואָרן ווי, וואָס מענטשן דערטוען
געזונטערהייט!
זאָל זיי עפּעס ווי טון —
וועלן זיי מוזן רוען.

איך גיב דעם אייבערשטן אַ געדאַנק:
ער וויל דאָך, אַז די מענטשן זאָלן זײַן גוט —
זאָל ער זיי מאַכן קראַנק.
אַלע וואָלטן גערעדט די שטילסטע רייד, און
סע וואָלט געווען אַ גן־עדן.

מער גאָרנישט

...און זאָל שוין משיח קומען וואָס גיכער —
ט׳מען אויפֿהערן שרײַבן אַזוי פֿיל ביכער.
זיי טוען סײַ ווי נישט אויף כמעט גאָרנישט.
מע טוט וואָס מע קען, נאָר נאָך מער — וואָס מע טאָר נישט.

איך קען מיט די ביכער אַ שטוב באַלד פֿאַרשפּרייטן —
איך בלײַב אָבער אַלץ מיטן אייגענעם וויטיק.
אַ לעבן לאַנג ווערטער געזיפּט און געקליבן,
נאָר וואָס כ׳האָב געוואָלט האָב איך נאָך נישט געשריבן.

גערוען זיך באַדאַרפֿט אויף אַן אַנדער וועג נעמען —
כ׳וואָלט אפֿשר פֿאַרשפּאָרט איצט אַזוי זיך צו קלעמען.
נאָר לאָמיך אַ צווייטן גילגול דערלעבן —
וועל איך מיר שוין וויסן אַן עצה צו געבן.

איך האָב ראָמאַנסירט מיט אַ דאַכטיקער פֿייע,
אין איינעם געפֿרייט זיך, געוויינט אין צווייען;
אין פֿעלד צוזן אַ בוים, אַ באַקענטן, געקומען —
און כ׳האָב אַהין מײַן היים גענומען.

געקוקט ווי באַגליבטע פֿייגעלעך פֿליִען,
און גענומען אַזוי צו זיי זיך ציִען —
ביז קיינעם שוין מער נישט געזען, נישט געהערט —
און אַוועק פֿונעם עיפּוש, דער זינדיקער ערד.

אַוועק פֿון די אויגן, אַוועק פֿונעם האַרצן.
מײַן פּײַן, מײַן געפֿאַלנקייט — עט, וועמען אַרט זי?
און איך האָב פֿאַרגעסן די האַרציקסטע פֿרײַנד —
נאָר פֿרעגט מיך בחרם, וואָס כ׳האָב דערפֿון הײַנט.

געמיינט, כ׳בין שוין ווײַט — ווײַל איך זע שוין נישט קיינעם,
לסוף — אין אַ טאָג, אין אַ פֿינצטערן שיינעם,
האָב איך פּלוצעם דערלאַנגט מיטן קאָפּ אַ כליאַפּ
אין אַ קופּע אַש — און זיך אויפֿגעכאַפּט.

איך קוק מיך אַרום — איז אַלץ ווי געוועזן.
איך בין פֿונעם פּאַל נישט געוואָרן גענעזן.
מיר פּינטלט אין ד׳אויגן גרין און שוואַרץ,
און אַ שווערע ליידיקייט ליגט מיר אין האַרץ —
מער גאָרנישט.

אַ שטיין אין פֿעלד

איך שרײַב מיט אַ ריטל, אַ דינעם, אויף וואַסער און ווינט.
איך זוך מיר דינערע פּען און בויגן, צום שרײַבן.
געזנוג, ס׳זאָל מיך הערן אַ מאָל אין חלום אַ קינד,
געזנוג, אַז אַ צייכן דערפֿון אין אַ וואָלקן זאָל בלײַבן.

געזנוג, אַז אַ גרעזל, אַ בלייכס, וואָס וואַקסט אויף אַ שטיין,
זאָל מיך זען ווי איך וואָגל אום, פֿאַרטראַכט אין די רוימען,
און ווי איך קוק נאָך דער זון אין איר פֿאַרגיין,
און ווי איך פֿאַרגיי ווי דער רויך פֿון אַ דאָרפֿישן קוימען.

די אָוונטווינטן וויגן מיך געטרײַ —
דער שטיין אין פֿעלד טוט זיך אָן אין קילע ווייכן.
אַ טויב, אַ ווײַסע, פֿליט פֿאַר מיר פֿאַרבײַ —
ועט אויך מײַן אומעט באַלד אַ ברעג דערגרייכן?

איך האָב מיך אָנגעזעגנט מיט שמאַך בײַ טאָג,
די אויגן ברענען מיר דערפֿון און רײַסן.
צום שטיין אין פֿעלד האָב איך אַרויסגעיאָגט —
ער וועט מיר היילן פֿון געוויין די ווײַעס.

תוכן

עטלעכענע ווערטער — — — — — — — — — — — — 3

פֿייגעלעך און שטערן

עס האָט מיר אָפּגעגליקט — — — — — — — — — 4
אַ לאַנגע באַלאַדע וועגן איינעם מיט פֿייגעלעך — — 5
אַ פֿלאַטערל — — — — — — — — — — — — 15
וואָס מע גאַרט דערנאָך — — — — — — — — — 16
אַ שטײַג מיט פֿייגעלעך — — — — — — — — — 17
זעגלשיפֿן — — — — — — — — — — — — — 18
צון אַ פֿייגעלע — — — — — — — — — — — 19
עמערס אָוונט — — — — — — — — — — — — 20
משמעות — — — — — — — — — — — — — — 21
אַ רגע אונטערן שטערן־וואָגן — — — — — — — — 22
דאָס האַרץ דערעיקרשט — — — — — — — — — 26
אַ טשיזשיקל — — — — — — — — — — — — 28
פֿון וואַנען? — — — — — — — — — — — — — 29
אַ פֿאַרשלייערטע לאָנקע — — — — — — — — — 30
מײַן עלטסטער ברודער, זאָל זײַן געזונט — — — — — 31
דער רבי משה — — — — — — — — — — — — 34
חלום־לאַנדשאַפֿט — — — — — — — — — — — 41
כ'וועל מעגן — — — — — — — — — — — — — 42
מײַן שוועלבל, מײַן טײַערס — — — — — — — — 44
זיכר לנשמת
א) באַלאַדע — — — — — — — — — — — 48
ב) וווּ נעמט מען אַזאַ דינע פֿען? — — — — — — 51
איך בין אַרויס אין פֿעלד פֿאַרנאַכטצײַט — — — — — 52
די באַלאַדע פֿונעם מקובל און דער שבת־מלכּתא — 54
פֿאַסטושקע, היט דײַנע לעמעלעך צוויי — — — — — 57
אײַדע מאַזע — — — — — — — — — — — — 58
אַלץ איז נאָר געווען אַ חלום — — — — — — — — 61
אַ סוד — — — — — — — — — — — — — — 62

בײַ אַ גלעזל טיי — 64
שפּיל פֿון קלאַנגען — 65
ווען מע מעג אַזוי הײַנט שרײַבן — 66
די נימפֿע — 67
רעמבראַנדט בײַ אונדז אין שטעטל — 70
ש"י חלומות־וועלטן — 71
וווּ נעמט מען אַזאַ נאָדל־פֿאָדעם — 72
האָט זיך מיר נאָר געדאַכט? — 72
וווּ? — 73
פֿאַראַן אַ ליד — 75

דער קאָפּ איז מיר שווער

אַ צונויפֿגעשטשאָבעט ליד — 76
דורך שטעט, מיט פּחד שוואַרצע — 78
גאָט, אוי, גאָט — 79
די באַלאַדע פֿונעם פֿאַרדאַרטן בוים — 80
דער הייסער טרער אַ שטילע לויב — 80
איך וועל פֿאַרחלומען דעם ווינט — 83
קאָשמאַר — 83
דער קאָפּ איז מיר שווער — 85
לבֿדו ימלוך נורא — 87
שטאַרק אַ באַנאַל ליד — 89
משיח־צדקנו — 89
די באַלאַדע פֿונעם סאָלדאַט פּריץ — 92
דער חזן זרילאָוו זאָגט סליחות — 94
קאַלטע לבֿנה־נאַכט — 96
אין מיטן מאַרק, אין אַן אויסגעטראַכט לאַנד — 97
פּרעוואָ, קעבעק — 99
אין די קירכן פּוסטעוועט בישקשה — 100
סע וואָלט געווען אַ גן־עדן — 101
מער גאָרנישט — 102
אַ שטיין אין פֿעלד — 104

ג ל אָ ס אַ ר

„אַדעסטע פֿידעלעס" (לאַטײַניש : Adeste, Fideles) — קומט, גלײביקע", אַ קריסט־לעכע הימנע

אויבל — (פֿונעם גריכישן אָבאָלאָס), אַ קלײנע מטבע, וואָס מע פֿלעגט, לויט דער גריכישער מיטאָלאָגיע, מיטגעבן אַ טויטן, ער זאָל באַצאָלן דערמיט פֿאַרן אַריבערשיפֿן זיך אויף יענער וועלט

אוי לאָזנים — ווײ צו די אויערן (וואָס הערן עס)

אימה — שרעק

אַפּאָקאַליפּטישע רײַטערס — די פֿיר פּלאָגן : פּעסט, הונגער, מלחמה, טויט

אָפּוס — ווערק, שאַפֿונג

באו מים (עד נפֿש) — דאָס וואַסער איז שוין צוגעקומען ביז צו דער נשמה (ביז צום האַלדז)

באָנבאָנע — צוקערקע

בדוחק — אָרעמלעך

בהקיץ — וואַכערהייט

בהשכּמה — גאַנץ פֿרי

בחוש — קלאָר, אָפֿן (אַדווערב)

בינו־לבֿינו — אײדער וואָס וועט

בית־וועד לחכמים — אַ הויז, וווּ געלערנטע קומען זיך צונויף

בנות־ישׂראל — ייִדישע טעכטער

בניחותא — שטילערהײט

בעיני ראיתי — כ'האָב עס אַלײן געזען

בפֿני־עם־ועדה — פֿאַר אַלעמען אין די אויגן

גובֿר זײַן — שטאַרקער זײַן

גיט־עלעף — גאָט־העלף

געווינען — געבערן אַ קינד

דובֿבֿ שׂפֿתי־ישנים — מאַכט רעדן די ליפּן פֿון שלאָפֿיקע (שיר־השירים ז׳, י׳)

היכל — פּאַלאַץ
הילולא — שׂימחה
היסח־הדעת — צעפּלויגנקייט
התפעלות — באַגײַסטערונג

וודאי — אַ זיכערע זאַך
וכולי — אאַז״וו

חסר־דעה — משוגע
חצוף־מחוצף — חוצפּהניק
חקל־תפּוחין — עפּלפּעלד (קבלה־באַגריף)

טשיזשיק — אַזאַ שפּילפֿייגעלע (siskin)

יוצר — באַשעפֿער
ים־אוקינוס — אָקעאַן
ישן־נושן־ומיושן — זייער אַלט
יתרון — העכערקייט, בעסערקייט

כּדבעי — ווי סע דאַרף צו זײַן
כּוח־המדם (המדמה) — פֿאַנטאַזיע
כלאָפּאָטשען — פּלאַפּלען

לא היה ולא נבֿרא — ס׳איז קיין מאָל נישט געווען
לבֿדו ימלוך נורא — גאָט וועט אַליין פֿאָרכטיק קיניגן (פֿון „אַדון־עולם״)

מוליד זײַן — געבערן
מזלות — שטערן
מחבק זײַן — האַלדזן
מטורף — משוגע
מיגיע־כּפּיו — פֿון דער מי פֿון זײַנע הענט
מיגנאַזיע — גימנאַזיע
מיום־הווסדו — זינט די וועלט שטייט
מכניסי־רחמים — גוטע מלאָכים
מלאָכין עילאין — מלאָכים פֿון אויבן
מעכּבֿ זײַן — שטערן, אָפּהאַלטן

מקובל — בעל־קבלה
מראה — אַנבליק, געשטאַלט
משיח־צדקנו — דער אמתער משיח
משלים קדמונים — אַלטע משלים
זיך משתטח זײַן — זיך אויסשפּרייטן (און תּפילה טון אויף אַ קבֿר)
מתרעם זײַן — פּראָטעסטירן

נזיפֿה — אויסרעד, אָנגעשריי
נחה דעתּי — כ׳האָב מיך באַרויִקט
נפֿלאות־הבורא — גאָטס װוּנדערס

סאַבליע — שווערד
סמך־מם (סמאל, דער טײַוול) **וסיעתּו** (און זײַנע אַרויסהעלפֿערס)
סיטרא־דקדושה — די הייליקע זײַט (אַקעגן דער אומהייליקער, דער סיטרא־אחרא)

עבֿותות־אהבֿה — בענדער פֿון ליבשאַפֿט
עגליזע — קירך (פֿראַנצייזיש)
עולה — קרבן
עולם קטן — אַ קליינער קאָסמאָס
עצבֿות — טרויעריקייט
עצמות יבֿשות — פֿאַרדאַרטע ביינער (פֿון יחזקאלס וויזיע)

פדהצור, ניסי בעלדזער — באַרימטע אַמאָליקע חזנים
פּחת — אָפּפֿאַל
פּיטעקאַנטראָפּוס ערעקטוס — אין דער אַנטראָפּאָלאָגיע, דער מאַלפּעמענטש פֿון צוריק מיט מיליאָנען יאָרן, וואָס האָט זיך אויפֿגעשטעלט און אָנגעהויבן גיין

קנאַבע — ייִנגל (דײַטש)
קונטרס — ספֿר

ראוי זײַן — ווערט זײַן
ראָסינאַנטע — דאָן קיכאָטס פֿערד
רימה ותולעה — ווערעם
רננה — געזאַנג
רעיון — געדאַנק

שאול־תחתיה — גיהנום

שבּיל — סטעזשקע

שוכן־עפר — רוט אין דער ערד; אַ טויטער

שותק — שווײַגער

ש״י וועלטן — דרײַ הונדערט און צען וועלטן, וואָס די צדיקים וועלן ירשענען („להנחיל אוהבי יש״)

שינת־עראי — דרימל

של־מעלה — פֿון אויבן, פֿונעם הימל

שמות נרדפים — סינאָנימען

שס און פּוסקים — גמרא און קאָמענטאַטאָרן

שערי־דמעות — די טויערן, וווּ די טרערן ווערן אויפֿגענומען

שפע — רײַכקייט, אַסך

תוך־כּדי־דיבור — תּיכּף

תחנונים — געבעט, תּפילה

תּפארת — פּרעכטיקייט